קרית
ברסלב
בלעטל

שנה ה' נומער 251
פרשת שמות · תשפ"ה

**חמשה עשר בשבט פארמעסט!**
טייערע קינדער באווייזט וואס איר קענט

**היסטארישע בלעטער:**
די פַּאטש פון קאוקע קאולע

**וועלטליכע נייעס:**
העלישע פייערן אין קאליפארניע

**קוק אהער:**
א סוקסעספולער ביזנעסמאן

אומפארגעסליכן מעמד פאר אונזערע

# מוסדות אין ארץ ישראל על טהרת הקודש



פרשת שמות תשפ"ה • 251

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
אברהם יצחק אייזנער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ח. ה. מינצבערג
ל. סאקס
ש. טראכטער
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גראפיק**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ
**קינדער אפטיילונג**
שמואל בער שניטצלער
**מעלערס**
יחיאל בלאיש
ר. קרול




נייע סידי 8


העלישע פייערן אין קאליפארניע 10


דער ראש ישיבה קלאפטביים טיר 29

6 שטעטל נייעס
10 וועלטליכע נייעס
23 ברסלב'ע שטוב
31 קינדער בלעטל


צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
איוף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
איוף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069

צו אדווערטייזן אדער ארײנשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין אריינצושיקן עדס איז זונטאג 1:00

**זמנים**
שמות י"א טבת

הדלקת הנרות.. 04:37
מוצאי שבת...... 06:09

**מנחה מעריב**
פרשת וארא
05:55









בס"ד

# דער ראש ישיבה

# דער דיין

# מעכי

ליל שישי פרשת תרומה ער"ח אדר ולמספרם פעב. 27

*sruliHeskel

# היסטאריע בלעטער

## די פאטש פון קאוקע קאולע




ש. ב. היסטאריקער

די באקאנטע ברוינע סעלצער, בלשון חיבה רופט מען עס קאוקע קאולע...

דער רויטער באטל אדער 'קען' האט א לאנגע היסטאריע, עס גייט צוריק צום יאר 1886 למספרם, ווען דער ערפינדער פון קאוקע קאולע, איינער מיטן נאמען דר' פעמבערטאן האט אריגינעל געוואלט ערפינדן א מעדעצין פאר קאפ שמערצן, איז אנשטאט דעם אויפגעקומען מיט א זיסליכן סיראפ, וואס האט אייגענטליך געהאט א גוטן טעם. זיין בוכהאלטער האט עס געגליכן, ער האט אנגעדרייעט דעם אויבנדערמאנטער דאקטאר אז מען דארף פארקויפן דעם סיראפ פאר די גאס.

אין יענע יארן האט עס געארבעט ווי פאלגענד, דר' פעמבערטאן פלעגט מאכן דעם געמויזאכץ ביי זיך אין געשעפט, ער האט דאן אריבערשפאצירט צו די פארמאסי ביים עק גאס, און דארט פלעגט מען עס אויסמישן מיט וואסער און עס פארקויפן פאר 5 סענט א גלעזל, ס'איז געווען אזא היימישע געטראנק וואס די וואס האבן געוואוינט אין יענעם שטאט האבן געקענט געניסן דערפון.

דער בוכהאלטער פון דעם דאקטאר האט באשלאסן אז מען דארף מאכן עפעס א זאך דערפון, ער איז אויפגעקומען מיט די נאמען 'קאוקע קאולע'. ער האט אויך ערפינדעד דעם איקאנישן דיזיין מיט די אותיות מיט וואס מען שרייבט קאוקע קאולע אויף יעדן פלעשל ביז היינט.

אבער דער ערפינדער פונעם געטראנק האט נישט דערלעבט צו זען די הצלחה, הארט פאר זיין טויט האט ער פארקויפט דעם געטראנק פאר א ביזנעסמאן פון אטלאנטא. יענער ביזנעסמאן האט אנגעהויבן גיין גרויס מיט דעם טרינק, ער איז געווען דער ערשטער צו ווייזן קאוקע קאולע פאר די מאסן אויף א גרויסן פארנעם.

אין 1893 למספרם איז דער קאוקע קאולע דיזיין מיט די וועג וויאזוי עס ווערט געשריבן, געווארן גערעדזשיסטערט מיט א טרעידמארק,די קאמפאני איז געוואקסן ווי אויף הייוון, פון פארקויפן גאנצע ניין גלעזלעך א טאג, האט שוין קאוקע קאולע אין 1900 למספרם פארקויפט טרינקען אין יעדע סטעיט פון די פאראייניגטע שטאטן פון אמעריקע.

אין 1919 איז די קאוקע קאולע קאמפאני פארקויפט געווארן פאר 25 מיליאן דאלער, אין יענעם יאר איז אויך די קאוקע קאולע קאמפאני ארויף אויף די סטאק מארקעט.

אין די 1920'ער יארן למספרם איז די קאוקע קאולע טרינק געגאנגען גלאבאל און זיך אנגעהויבן פארקויפן דעם געטראנק איבער די גאנצע וועלט, פארשטייט זיך אז ווי מער געטראנקען ס'האט זיך פארקויפט אלס מער געלט איז אריינגעקומען.

און אזוי איז עס געוואקסן און געוואקסן, (אזוי ווי די וואס טרינקען עס וואקסן אויפן וואגשאל...) זיי האבן זיך ארגאניזירט און זיך וועקגעשטעלט אלס א געסעטלטע קאמפאני, זיי האבן זיך צוביסלעך אויסגעלערנט ווי אזוי צו שפארן און ווי צו ספענדן, איינע פון די זאכן וואס זיי געבן אויס גרויס געלט איז מארקעטינג

און דאס איז איינער פון די זאכן וואס קאוקע קאולע איז באקאנט איבעראל, זיי ווילן איבערדרייען א וועלט אז מען זאל זיי אנקוקן, זיי שטעלן זיך נישט אפ פאר גארנישט אז זיי זאלן בלייבן אויפן שפיץ פון די ארענע. צו האבן א ביישפיל פון וואס מען רעדט, קאוקע קאולע האט אויסגעווארפן איבער פ-י-נ-ף ביליאן דאלער פאר מארקעטינג אין יאר 2023.

א טייל פון זייער מארקעטינג סטראטעגיע איז געווען אלץ צו זיך האלטן צו זייערע אלטע רעצעפט, וואס זיי האבן געהאלטן אלס א שטרענגע מיליטערישע סוד. אבער מיט אלעם ארום האבן זיי פרובירט וואס מער זיך צוצופאסן צום דעמאלטס'דיגן שטייגער. אין יענע צייטן איז געווען קאוקע קאולע פאונטענס, אנשטאט וואסער איז ארויסגעקומען קאוקע קאולע, דאן ווען דאס איז ארויס פון סטייל זענען זיי געווען פון די ערשטע צו פארקויפן דעם געטראנק געבאטעלטערהייט.

פארשטייט זיך כנהוג אין די קאפיטאליסטישע לענדער, ווען עס איז פאראן סוקסעס ווילן אנדערע דאס נאכמאכן, און דאס האט טאקע פאסירט.

אין יאר 1898 איז געגרינדעט געווארן די קאמפאני פעפסי-קאולע, זיי האבן דירעקט גענומען א נאמען וואס הערט זיך ענדליך צו קאוקע קאולע, טאקע מיטן ציל זיי אריינצושניידן אין די מארקעט. עס זענען ארויפגעקומען מיט די יארן נאך פארשידענע קאמפאניס וואס פארקויפן געצוקערטע געטראנקען, אבער קיינער האט נישט באוויזן צו אנציען די אייגענטומער פון קאוקע קאולע אזוי ווי די קאמפאני פעפסי-קאולע.

אזוי האט זיך אנגעהויבן די לאנג פארצויגענע שלאכט צווישן פעפסי און קאוקע קאולע, ווען יעדער פון זיי פרובירן אויף אלע וועגן און מיט אלע מיטלען צו שמייסן דעם צווייטן און כאפן ווי מער טרינקערס צו זייער געטראנק.

טאקע דאס איז די סיבה פארוואס קאוקע קאולע גיסט גרויסע געלטער אויף מארקעטינג נישט פון היינט. צום ביישפיל ביים ערשטן וועלט מלחמה האבן זיי מיטגעשיקט פלעשער קאוקע קאולע מיט די סאלדאטן וואס האבן געקעמפט אין אייראפע, און דאן ווען די ראדיא איז געווארן פאפולער האבן זיי געלופטערט אדווערטייזמענטס אויף די ראדיא, און ווייטער מיט די טעלעוויזשן און אזוי ווייטער האבן זיי זיך געשלאגן אויף ווי ס'האט זיך נאר געלאזט, אז אלע זאלן וויסן אז קאוקע קאולע איז דאס בעסטע.

קאוקע קאולע זענען צווישן די וואס ווערן קרעדיטירט אויף די היינטיגע מארקעטינג וועלט, זיי זענען געווען פון די ערשטע וואס זענען געזעצן און געטראכט און שטודירט ווי אזוי אריינצוקריכן אין די קעפ פון די מענטשהייט, און פרובירן צו זען ווי אזוי מען קען אריינלייגן אין די קעפ פון מענטשן אז ווען זיי זעען א קאוקע קאולע זאלן זיי גראד ווערן צוגעצויגן דערצו, זיי האבן זיך געשלאגן מיט פעפסי-קאולע מיטן גרעסטן אייפער, ממש אויף יעדן איינציגסטן אמעריקאנער וואס יענער זאל טרינקען.

אבער פעפסי-קאולע האט זיך נישט געלאזט, זיי האבן זיך אהערגעשטעלט מיט מעכטיגע אדווערטייזמענטס און מיט די גרעסטע מארקעטינג קעפ, אין די 1970ער יארן האבן זיי ארויסגעשטעלט א קאמפיין מיטן נאמען 'די פעפסי דור' (דזשענערעישן),די אדווערטייזמענט איז געלאפן אז "אין די היינטיגע צייטן טרינקט מען פעפסי. מיר די יונגע פעסטע אמעריקאנע יונגען, וועלן נישט טרינקען מער די אלטע קאוקע קאולע, נאר מיר טרינקען פעפסי"!

יא, זיי האבן סוקסעספול איינגערעדט פארן עולם אז צו זיין אין סטייל, דארף מען זיך ארומדרייען מיט א באטעלע פעפסי... דאס איז געווען ארויסצוברענגען די קאנטראסט מיט קאוקע קאולע וואס האט זיך געהאלטן צו זייער אלטע רעצעפט.

אין יענע יארן האבן די סעילס פאר קאוקע קאולע זיך היפש אפגעשוואכט, די עקזעקוטיוון פון קאוקע קאולע האבן זיך אנגעהויבן ארומדרייען מיט אנגעצויגענע געמיטער, ביי די אדמיניסטראציע מיטונגען פון די קאוקע קאולע קאמפאני האבן אנגעהויבן גיין הויכע טענער, קודם האט מען געזוכט ווער ס'איז שולדיג, דערנאך האט מען אנגעהויבן זוכן לעזונגען פארן פראבלעם.

דער פראבלעם איז געווען פשוט, פעפסי האט אנגעהויבן אינוואדירן די סעילס פון קאוקע קאולע, זיי האבן שוין געהאלטן אט אט ביים איבערנעמען דעם אויבנאן אלס די גרעסטע געצוקערטע געטראנק פירמע.

דא האט די קאוקע קאולע קאמפאני געמאכט א פאטאלע טעות, זיי האבן זיך געבויגן צום קאנקורענט.

אין יאר 1985 למספרם, האט קאוקע קאולע געמאלדן מיט גרויס פאפמע אז זיי האבן אנגעגרייט א נייע געטראנק מיטן נאמען, 'די נייע קאוק', די ציל איז געווען זייער פשוט, צו אפעלירן צו די יונגע אמעריקאנער אז זיי זאלן צוגעצויגן ווערן צו די 'נייע' טרינק און זיך אפלאזן פון פעפסי, און מעגליך אזוי צוריק אויפהייבן די סעילס פון קאוקע קאולע.

זיי האבן געלאזט לויפן טייערע אדווערטייזמענטס ווי די גרויסע שטערנס לויבן אויס די נייע געטראנק און ווי אזוי גוים פון די גאנצע וועלט רעדן מיט עקסטאז אז קאוקע קאולע גייט טוישן זייער אלטע רעצעפט מיט א נייע היינטיגע מאדערנע סטייל טרינקען... דער עולם האט זיך ארומגעדרייט שיכור פון קאוק...

און דאן איז געקומען די לאנגע ערווארטערטע טאג ווען 'די נייע קאוק' איז ארויף אויף די פאליצעס פון אמעריקאנער געשעפטן.

און... טאטאלע כאאס האט נאכגעפאלגט, מיליאנען אמעריקאנער האבן געלאזט הערן גרויס אנטוישונג אז די נייע טרינקען איז בכלל נישט גוט, די אלטע איז געווען סאך בעסער... די גאס האט געשמועסט אז די קאוקע קאולע קאמפאני איז פארפארן פון די רעלסן... פעפסי האט קאפיטולירט אויף די מצב און געהאנגען גרויסע פלאקאטן אפ'חוזק'נדיג פון קאוקע קאלע...

מיט ווייניגער פון דריי חדשים שפעטער האט די קאוקע קאולע קאמפאני דערקלערט אז די נייע קאוק איז א דורכפאל און אז זיי וועלן צוריק גיין צום אלטן, קאוקע קאולע האט דאן ערקלערט אז זיי האבן איינגעזען אז זיי האבן א גוטע סאדע און דאס איז וואס די מאסן ווילן טרינקען, זיי האבן איינגעזען אז סתם עמך גוים זענען צוגעבינדן צו זייער געטראנק, נישט ווייל זיי האבן בעסערע מארקעטינג, נאר ווייל די טרינקען אליין איז וואס שלעפט זיי צו דעם. און זיי וועלן אויפהערן צו פרובירן נאכמאכן פעפסי נאר אנשטאט דעם צילן מער צו פארשפרייטן זייער אייגענע פראדוקט.

עד כאן המעשה מיט 'די נייע קאוק'.

וואס אינטערסירט מיר וואס איז פארגעקומען מיט קאוקע קאולע פערציג יאר צוריק?

די ענטפער ליגט אינעם פאטש וואס קאוקע קאולע האט געכאפט ווען זיי האבן איינגעזען אז וואס זיי האבן צו פארקויפן איז סאך טיפער ווי וואס דער קאמפעטישן לייגט ארויס אויף זייערע עדס.

ווען זיי האבן דאס איינגעזען האבן זיי אסאך מער מצליח געווען זיך צו אויפהייבן און צוריק ווערן די מאכטפולע קאוקע קאולע קאמפאני וואס זיי זענען היינט.

און דאס איז וואס רעדט צו מיר זייער שטארק.

יא, עס זענען פארהאן פלעצער וואס האבן א בעסערע אויסקוק, זיי האבן בעסערע פי אר. אבער דאס וואס מאכט היכל הקודש אזוי ספעציעל איז אסאך מער ווי וואס איינער קען ארויף לייגן אויף א בילד, אדער אין א צייטונג וואס וועט ארויסברענגען ווי גרויס און מער מיר זענען איבער די אנדערע פלעצער.

און אויב וועט איר זיין נאריש און זיך טענה'ן מיט א מתנגד און אים אויפווייזן ווי שענער מיר זענען פון אנדערע וועט איר זיך נאר אליין שאדן מאכן. אזוי ווי קאוקע קאולע, אז איר וועט פרובירן זיך צו טוישן כדאי ס'זאל אויסקוקן ווי מיר קענען גיין אין קאמפעטישן מיט אנדערע, נעמט איר אוועק פון וואס מאכט אונז ספעציעל, און אפילו ס'וועט זיין מיט א סוקסעס אז ס'וועט אויסקוקן ווי מיר האבן זיך געטוישט צו די 'היינטיגע' צייטן, וועט איר אזוי ווי קאוקע קאולע שפירן נאך אביסל אז די נייע געטוישטע אויסקוק מיט וואס איר פרובירט אראפצומאלן אונזער הייליגע קהילה טרייבט אוועק מענטשן, ווייל וואס מיר האבן איז נישט עפעס וואס מען קען ארויסברענגן אויף קיין שום וועג מעגליך.

דאס איז א זאך וואס אויב מיר וועלן פרובירן נאכצומאכן אנדערע מיט פאמפע און פאראדע, וועט דאס נאר האבן די פארקערטע ווירקונג.

מען קען נישט מסביר זיין התקרבות צום צדיק אויפן פאפיר, די ארגינעלע טעם וואס מ'שפירט נאכן רעדן צום אייבערשטן קען מען אויף קיין שום וועג אראפמאלן.

# די הערליכע מקווה

# אשר בנחל

## מאכט פארשריט

אין די דענמען געגנט אינעם שטעטל, בערך א מייל אוועק פונעם צענטראלן שול אויף האשקי, האט מען אוועקגעשטעלט א געשמאקע שיינע שול, וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט א נאמען געגעבן "אשר בנחל", נאך דער ספר וואס מוהרא"ש ז"ע האט זיך אוועקגעגעבן דערפאר רוב יארן פון זיין לעבן. אזוי אויך פארמאגט עס א מקוה וואס ווערט גענוצט יעדן שבת קודש אינדערפרי זיך צו מטהר זיין פארן דאווענען.

די אינגעלייט פונעם געגנט האבן זיך באקלאגט אז אזוי ווי די מקוה איז נאך דערווייל נישט געווען געהעריג אוועקגעשטעלט מיט אלע הידורים וחומרות וואס פעלט זיך אויס פאר א מקוה טהרה, האט עס געמאכט א גרויסע שוועריגקייט, בפרט אין די ווינטער, אז מען זאל דארפן גיין אזא לאנגע וועג צו א מקוה טהרה

דערפאר האט דער ראש ישיבה שליט"א געבעטן דעם גבאי פונעם שול מו"ה מרדכי היימליך הי"ו ער זאל זיך ארייןלייגן אין די גרויסע מצוה פון ארויפברענגען די כשרות שטאפלען פון די מקוה עס זאל זיין כשר און מהודר, אז מען זאל נישט דארפן קלעטערן כמעט א שעה וועג אהין און צוריק צו א כשר'ע מקוה.

אין די לעצטע דריי וואכן האט מען אוועקגעגעבן דערפאר אסאך טירחה און געלט, צום ערשטן איז דער דיין שליט"א און די תלמידי חכמים פון כולל אריבער געקומען, מען האט איבערגעקוקט די כשרות פונעם מקוה, בפרט פונעם בור מי גשמים, און אויף זייער הוראה האט מען צום ערשט ארייגערופן א פראפעסיאנאלע פירמע וואס האט זיכער געמאכט אז דער בור מי גשמים איז פולקאם וואסערפרוף. אבער נאכדעם האט דער דיין געזען אז עס קומט נאך אלץ ארייין וואסער אינעם בור, האט מען מתפלל געווען מען זאל טרעפן די פראבלעם, מען האט אריבערגערופן מומחים, און מיט די השגחה פונעם דיין האט מען אויפגעבראכן דעם גאנצן וואנט. און ב"ה מען האט דארט געטראפן דעם פראבלעם, אז עס רינט וואסער פונעם המשכה, אויף וואס מען ארבעט יעצט צו מסדר זיין בסייעתא דשמיא.



ב"ה אז די ארבעט גייט שיין אריין אין די לעצטע פאזעס, און מען האפט אז ביז דריי וואכן וועט די מקוה פולקאם זיין צוריק אין באנוץ, נאכדעם וואס די ארבעט האט געמאכט אומאנגענעם פאר די באנוצער פונעם בית המדרש. יעצט גייט אן די ארבעט איבערצולייגן הערליכע טיילס אויפן גאנצן בור, און בכלל פרישט מען איבער די מקוה הערליך שיין, אז עס זאל זיין פאסיג באקוועם און מהודר בתכלית הכשרות מען זאל עס קענען נוצן לקדושתן ולטהרתן של ישראל.

עס קומט זיך א גרויסע דאנק פאר אלע אנשי שלומינו וואס האבן ארויסגעהאלפן ביי דעם פראיעקט, בפרט פאר מו"ה מיכל ראזענפעלד הי"ו וואס האט זיך שטארק אוועקגעגעבן פאר דעם, דער זכות זאל זיי אלע בייזשטיין להתברך בכל מילי דמיטב.

# איבער אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com



## א בוים פאלט אראפ אין וואלד

**שאלה**

**ווי אזוי איז "קול" בלויז "לופט כוואליעס" וואס ווערט געשפירט דורך די אויער, און עס האט נישט קיין ממשות. אויב אזוי א בוים וואס פאלט אראפ אין א ליידיגע וואלד וואו קיינער געפונט זיך נישט, מאכט עס בכלל א קול? יוסף ד.**

**ענטפער**

לאמיר אביסל אריינגיין און זיין "רואים את הקול" און זען וואס איז דאס קול און וואו איז דאס קול כוואליעס. עס איז פלאי פלאים נפלאות הבורא וויאזוי מיר "הערן". שטעלט אייך פאר איר האלט אן אויסגעצויגענע ראבער בענד און איר געבט עס א קליינע קיצל, עס וועט זיך אנהייבן אזוי צו שאקלען. די שאקלערייען וואס דאס מאכט צושטערן די רואיגקייט פון די לופט ארום דעם און מאכט "לופט כוואליעס", ווען די כוואליעס קומען אן צו געוויסע זייער הייקעלע פיצקעלע הארעלעך טיף אינעם אויער וואס שאקלט זיך לויט די סארט קול וואס עס האט אהין דערגרייכט, און דאן שיקט עס א מעסעדזש פאר'ן מח, וואס קאנווערט דעם שאקל וואס ער האט געשפירט צו א קול וואס מיר "הערן".

די שאלה צי מען קען רופן "קול" בלויז ווען עס זענען דא שאקלערייען אין די לופט, אדער עס מוז זיין איינער וואס זאל עס "הערן" כדי מען זאל עס רופן "קול" וועלן מיר איבערלאזן פאר די לומדים, פילאזאפן, און חוקרים. פילע פון זיי האבן שוין אוועקגעגעבן טעג, וואכן, יארן און אפילו זייער גאנץ לעבן אויף דעם 'וויכטיגן' שאלה וואס האט נאך נישט קיין קלארע ענטפער ביזן היינטיגן טאג.

איין זאך קענען מיר אבער יא קלאר זאגן, אז ווען זיי האבן גערעדט און זייער קעלבערנע נאכפאלגער האבן אפילו געהערט, איז עס נישט געווען קיין קול, און עס איז נישט געווען קיין כוואליעס. ווען א מענטש רעדט אפילו שטילערהייט און קיינער בלויז דער אייבערשטער הערט עס, דאס איז זיכער א קול, און דאס קומט אן זייער ווייט. ווען א מענטש רעדט פון חקירות און פילאזאפירט פון זאכן וואס איז אים נישט נוגע, קען מען דאס בכלל רופן רעדן?

דער מדרש פארציילט איבער צוויי מענטשן וואס זענען געגאנגען אין גאס אינאיינעם, איינער איז געווען א גרויסער פראפעסאר, ער האט געלערנט אין קאלעדזש לאנגע יארן, און ארויסגענומען דעגריז אין פילע תחומים. ער האט געקענט פאראויסשאצן פילע זאכן. זיין באגלייטער איז געווען א פשוטער דארפסמאן, קיינער האט נישט גערעדט פון אים און קיינער האט אים נישט געקענט, און זיין מיינונג איז בכלל נישט געווען אינטערעסאנט צו הערן, "וואס פארשטייט ער?"

יענעם טאג האט זיך גע'רעש'ט אין שטעטל איבער א גרויסע סענזאציע, מען האט געשמועסט אז די וועלט גייט חרוב ווערן, א גרויסע שטערן פון די ווייטע ספערן קומט צו פליען, און עס וועט נישט לאנג נעמען אין די גאנצע וועלט איז חרוב. אלע האבן געוואלט הערן פונעם גרויסן פראפעסער זיין מיינונג, וואס קען מען טון צו ראטעווען די וועלט.

דער גרויסער ידען נעמט ארויס זיין גרויסן טעלעסקאפ, און אזוי שפאצירן זיי ארויס אויף די גאסן צו באטראכטן די שטערנס.

אינמיטן ווערט איז געווען א גרויסע גרוב, דער פראפעסער זייענדיג אריינגעטון אין זיינע שטערנס האט נישט באמערקט, און אזוי אינאיינעם מיט זיינע טייערע כלים האט ער אריינגעטראסקעט אינעם טיפן גרוב, און דער פראפעסער האט שוין יעצט געהאט אנדערע חשבונות, אנשטאט צו קוקן ווי ווייט יענער שטערן איז, ווי שנעל רוקט זיך עס, האט ער יעצט געדארפט ציילן וויפיל ביינער זענען אים געבליבן גאנץ.

מוהרא"ש פלעגט דאס אלץ פארציילן, אז מיר זאלן געדענקען אז די אלע חשבונות וועלן אונז נישט העלפן און וועט אונז נישט ברענגען צום תכלית, מיר דארף זיך אויפהערן צו פילאזאפירן, און זאגן דיעות וויאזוי די וועלט דארף זיך פירן, אנשטאט דעם דארפן מיר זיכער מאכן דורכצוגיין אונזער לעבן מיט גאנצע ביינער, קוקן ווי מיר גייען און אויסנוצן די צייט מיט תורה, תפלה, שמחה, און רעדן צום אייבערשטן.

# היכל הקודש
# נייעס




וויליאמסבורג

## אינספירירענדע נייע אלבום פאר די אידישע מאמע - מיין בעסטע פרענד

"דער אלבום האט מיר ממש איבערגענומען, איך קען עס נישט סטאפן צו הערן" זאגט אונז איינער, "איך בין זיך מחי' דערמיט, אויסער די רייכע מוזיקאלישע מוזיק, איז די תוכן עפעס שלא מעלמא הדין; אפגערעדט מיין ווייב, איז זיך מחי' דערמיט, זי זאגט אז דאס געבט איר א חיות און ענערדזשי, אבער אפילו פאר מיך - א אינגערמאן - קען רילעיטן דערצו, איך דארף אויך חיזוק נישט צו קוקן וואס אנדערע זאגן, נישט צו טראכטן אז די גליק ליגט ביים גוי, און נישט צו ווערן פארקויפט פאר חברים" זאגט אונז א חשוב'ער אינגערמאן. "דער נייער סידי וועט מאכן א ראוואלוציע", טראכט איינער פון די צוהערער הויעך "עס רעדט אזא פשוטע און צוגעלאזענע שפראך, און עפנט אויף די אויגן צו זיין פריילך און גליקליך מיט וואס מיר זענען אידן, און מיר היטן תורה ומצוות".

עס איז שווער אראפצו לייגן די געפילן נאכן הערן דעם סידי. פון וואס זאל מען שרייבן פון די ווארימער שטימע וואס דער ראש ישיבה זינגט אזוי הארציג? פון די זיסע נעימות'דיגע קלאנגען פונעם בחור הפלא שמעון פארקאש נ"י? זאל מען רעדן פון די אומצאליגע שעות וואס מו"ה חיים מאיר ערפס הי"ו האט אריינגעלייגט ארויסצוברענגען דאס בעסטע און שענסטע פון די מוזקאלישע וועלט? זאל מען אראפלייגן די הארציגע מעלאדיעס וואס די פילע בעסטע שפילער ובראשם מו"ה סענדער ראטה הי"ו האבן אריינגעלייגט? זאל מען רעדן פון די טיפע, קלארע און ריינע אינספירירנדע געדאנקען וואס דער סידי ברענגט ארויס? אזוי קען מען רעדן און רעדן פון יעדע פון די אלע פילע בלעטער.

דער סידי איז א קאמבינאציע פון די בעסטע טאלאנטן, אראנדזשירט געווארן דורך מו"ה סענדי ראטה הי"ו, פראדוצירט געווארן דורך מו"ה חיים מאיר ערפס הי"ו (באוויסט אלס CME), רעקארדירט געווארן ביי דימדאם סטודיאס, מיקס און מעסטערד דורך מו"ה אלי מלמד הי"ו, די גראמען זענען געשריבן געווארן דורך מו"ה משה ארי' שניטצלער הי"ו, געזונגען געווארן דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א און דורכן בחור הפלא שמעון פארקאש הי"ו, די שפילער זענען אויסגעקליבן געווארן דורך מו"ה סענדי הי"ו די בעסטע פון אמעריקע און ארץ ישראל, די מעלאדיעס זענען גאר שיינע אלטע הארציגע און לעבעדיגע.

די ניגונים זענען מחזק אויף נסיונות וואס אידישע קינדער גייען דורך טאג טעגליך, בפרט פרויען. די ערשטע ניגון "אידישע מאמע" רעדט פון די געפילן וואס דער סמ"ך מ"ם פרובירט צו צוברעכן אידישע מאמעס, און איז זיי מחזק זיך נישט צו לאזן דערפון. דער צווייטער ניגון "צניעות" הערט מען וואס מיינט באמת שיין, און נישט ווערן פארכאפט פון די גוים צו טראכטן וואס מיינט שיין. דער דריטער ניגון "מיין בעסטע פרענד", רעדט אז א מאמע איז באמת דיין בעסטע פרענד, ניגון נומער פיר "אפשערן די האר" רעדט ווי חשוב עס איז זיך צו שערן די האר. נומער פינף "שמחה". דער זעקסטער ניגון "שבת". זיבן "נעגל". אכט "א גרויסע משפחה". נומער ניין "טערעפי". דער לעצטער ניגון נומער צען "צוואת מוהרא"ש" לעכטיגע ווערטער וואס מוהרא"ש זי"ע האט געשריבן פאר אונז ווי מ'זאל אלץ געדענקען אז דער אויבערשטער איז דא מיט אונז יעדע מינוט.





# ווי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְחַזֵּק נָאכְ'ן לַיידְן אַ גְרוֹיסֶע שָׁאדְן?

## שאלה

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

**אִיךְ אַרְבֶּעט אִין רִיעֶל עֶסְטֶעיט, אִיךְ בִּין פַארְנוּמֶען אַיינְצוּקוֹיפְן שְׁטָחִים אוּן בִּנְיָנִים אוּן אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט.**

**דֶעם לֶעצְטְן זוּמֶער הָאבּ אִיךְ אָבֶער גֶעקוֹיפְט אַ גְרוֹיסֶע שֶׁטַח וָואס וָואלְט גֶעדַארְפְט אַריינְבְּרֶענְגֶען גְרוֹיסֶע רְוָוחִים אוּן צוּם סוֹף הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז מְ'קֶען נִישְׁט בַּאקוּמֶען דֶערוֹיף קַיין רְשׁוּת צוּ בּוֹיעֶן, אוּן אִיךְ הָאבּ דֶערְלֵייגְט דִי גַאנְצֶע זַאךְ.**

**אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר פוּן דֶעם, סְ'אִיז פַאר מִיר זֵייעֶר אַ שְׁוֶועֶרֶע זַאךְ אַרָאפְּצוּשְׁלִינְגֶען, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר מְחַזֵּק זַיין?**

**יְיַשֵׁר כֹּחַ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשׁ"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת ה:): דֶער הֵיילִיגֶער אַמוֹרָא רַב הוּנָא הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶער שָׁאדְן, עֶס אִיז אִים פַארְדָארְבְּן גֶעוָוארְן פִיר הוּנְדֶערְט פֶעסֶער וַויין, זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אִים גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן אוּן אִים מְחַזֵּק זַיין. זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר רַב הוּנָא: "לְעַיֵּין מַר בְּמִילֵּיהּ", עֶר זָאל מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוּן תְּשׁוּבָה טוּן, וֶועט עֶר צוּרִיק רַייךְ וֶוערְן. הָאט רַב הוּנָא גֶעפְרֶעגְט דִי חֲכָמִים: "מִי חַשִׁידְנָא בְּעֵינֵייכוּ", אִיר זֶענְט מִיר חוֹשֵׁד אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים? הָאבְּן אִים דִי חֲכָמִים צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט: "וּמִי חָשִׁיד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא דְּעָבִיד דִּינָא בְּלֹא דִינָא", אִיז דֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער חָשׁוּד אַז עֶר בְּרֶענְגְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ שְׁלֶעכְטְס אוּמְזִיסְט? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין שָׁאדְן אוּמְזִיסְט אוֹיבּ עֶס קוּמְט נִישְׁט, הָאט רַב הוּנָא זֵיי גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ זֵיי זֶעעֶן עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס אִין אִים, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר צָאלְט נִישְׁט זַיינֶע אַרְבֶּעטֶער אַזוֹי וִוי מֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען, רַב הוּנָא הָאט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען אַז עֶר גֵייט זֵיי גֶעבְן וִויפִיל מֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעןְ אַ נֵס אַז עֶר הָאט נִישְׁט פַארְלוֹירְן קַיין גֶעלְט.

אַז דוּ הָאסְט שָׁאדְן זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוּן תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂים וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן מִיט דִיר גְרוֹיסֶע נִיסִים, דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיינֶע שָׁאדְנְס, דוּ וֶועסְט מַצְלִיחַ זַיין אוּן פַארְדִינֶען גְרוֹיסֶע רְוָוחִים.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ שָׁאדְן דַארְף עֶר זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט דָאס מִיט אִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קפז): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים סב, יג): "וּלְךָ ה' חָסֶד כִּי אַתָּה תְשַׁלֵּם לְאִישׁ כְּמַעֲשֵׂהוּ", עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער חֶסֶד אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַ שְׁטְרָאף מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, וַוייל וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט וֶוען אַן עוֹנֶשׁ סְתַּם אַזוֹי וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעוְוּיסְט אוֹיף וָואס עֶר דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶער וֶוען דֶער עוֹנֶשׁ אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכְקֵייט, גֶעוָואנְדְן אוֹיף וָואס מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, וֵוייסְט דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף וָואס עֶר דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

גרשון קרעמער



## ערגסטע פייער אין היסטאריע פון לאס אנדזשעלעס

אין א רייכע געגנט אין שטאט לאס אנדזשעלעס, קאליפארניע וואס הייסט "פאסיפיק פאליסיידס" האט פארגאנגענע וואך אויסגעבראכן א שרעקליכע פייער, דער פייער האט זיך אנגעהויבן פאריגע וואך, און ביז היינט (ווען מיר שרייבן די שורות) האט עס שוין פארניכטעט גאר אסאך סקווער עיקערס, און טראץ די שטארקע באמיאונגען פון די עמוירזשענסי באאמטע, איז דער פייער נישט אונטער קאנטראל.

די שטאט האט ארייגעשיקט אינעם געגנט בערך פופצן הונדערט פייערלייט, זיבן לעשער העליקאפטער, איבער צוויי הונדערט פייער טראקס, און נאך פילע מאשינען און עקוויפמענט.

צוליב די גרויסע סכנה זענען איבער הונדערט טויזנט מענטשן אונטער באלדיגע עוואקואציע באפעלן. אסאך מענטשן זענען שוין ליידער אומגעקומען אין רעזולטאט פון די פייערן, און אסאך פארוואונדעטע, טייל שווער. איבער פופצן טויזנט הייזער זענען דערווייל פארברענט געווארן.

מען קען אויסנוצן פייער אויף גוטע זאכן, און פייער קען ווערן אויסגענוצט צו חרוב מאכן. אין יענעם געגנט זענען אויך דא אידן, און אפילו שולן. מען האט ב"ה ארויסגענומען די ספרי תורה פון די שולן אין פאל די פייערן קומען חלילה אן אהין. דערווייל האט מען געזען א שטארקע השגחה פרטיות, ווען די פייער האבן זיך אוועקגעדרייט פון איינע פון די שולן ווען עס איז געקומען נאנט אהין. דער אייבערשטער זאל האלטן זיין רעכטע האנט ווייטער. דאס ווייזט אונז די כח פון פייער.

מיר שטייען יעצט געציילטע טעג נאך דעם יארצייט פון הייליגן רבי נתן זי"ע, דער פיאנער פון הפצה, דא קען מען זען די כח פון הפצה, מיר דארפן פארשפרייטן דעם פייער די ליכטיגקייט פון הייליגן רבי'ן. מען צינדט אן איין ליכטעלע, נאך א ליכטעלע, דער סמ"ך מ"ם פרובירט צו צוברעכן די מפיצים און מאכט זיי טראכטן אז זיי טוען גארנישט אויף. אבער עס איז נישט אזוי, דער פייער קען זיין אויף די גוטע וועג, דער וואס האט געגעבן דעם ספר פאר מוהרא"ש'ס טאטע אדער פאר'ן ראש ישיבה האט נישט גע'חלומ'ט וואס פאר א פייער ער צינדט דערמיט אונטער, דער פייער וואס דער הייליגער רבי האט אנגעצינדן פאר איבער צוויי הונדערט יאר צוריק פלאקערט און ברענט, און קיין שום וואסער קען עס נישט אויסלעשן.

די רויך פון די פייער פארשפרייט זיך איבער גאנץ לאס אנדשעלעס און שטערט ממש די שיין פון די זון. דער עיקר שוועריקייט פארוואס זיי קענען זיך נישט אן עצה געבן איז די גאר שטארקע ווינטן וואס פיטערן כסדר פרישע אקסיגען פאר די פייערן, און ווארפן אריבער ברענעדיגע ברוכווארג פון איין הויז צום אנדערן.

אין אנדערע נייעס פונעם פייער האט א ציווילע דראון געשעדיגט א פייערלעשער פליגער וועלכע איז אויסגעשטעלט צו קענען אויסשעפן מער ווי 1,500 גאלאן וואסער פון ים און עס דערנאך אראפלאזן צו פארלעשן די פלאמען. די עקסידענט האט געשאפן א לאך פון 3 ביי 6 אינטשעס אינעם פליגער, וואס האט צוליב דעם געמוזט ארויסגיין פון דינסט און האט א דירעקטע אפעקט אויף די ארבייט פון באקעמפן די פייערן .

מען דארף וויסן אז זיך צו דרייען אדער פליען אין אזעלעכע פלעצער וואו א פייער אדער אן עקסידענט וכדומה איז אסאך מאל גאר סכנה'דיג און קען מאכן אסאך שאדן.

זאל דער אייבערשטער העלפן אז מיר זאלן נאר פארכאפט ווערן אין גוטע פייערן און קיין שום איד זאל נישט האבן קיין שום שאדן.

**שפך חמתו על עצים ואבנים!**



# עף די עי מעלדט שטרענגע ריקאל אויף אייער פון קאסטקא



די עף די עי (די אגענטור פאר עסן און מעדיצין זיכערהייט פון די אמעריקאנער רעגירונג) האט ארויסגעלייגט א שטרענגע ווארענונג, און געזאגט אז דער ריקאל אויף אייער פארקויפט דורך קאסטקא האלסעיל געשעפט איז אויפן העכסטן שטאפל. זיי זאגן אז דער חשש אז עס געפונט זיך סאלמאנעלא אין די אייער איז צו גרויס, און קען חלילה שעדיגן די געזונט פון א מענטש אויף א גאר ערנסטע פארנעם.

אייער איז פון די מערסט באנוצטע און געזונטע עסן וואס עס איז דא צו באקומען, און די פרייזן פון א טוץ (דאזען) אייער האבן זיך ממש נישט געטוישט פאר לאנגע יארן, די פרייזן האבן זיך געדרייט בדרך כלל אין די געגנט פון אכציג צענט ביז א דאלער צווישן די יארן תש"מ ביז תש"ס. פון דאן ביז בערך תש"ע האבן זיך די פרייזן געהויבן צובילסעך ביז בערך איינס און א האלב דאלער, אבער זינט דעמאלטס האבן זיך די פרייזן דראסטיש געהויבן, און דרייעט זיך שוין א לענגער צייט אין די געגנט פון פיר ביז פינף דאלער.

מיר קענען זיך רעגן אויף די גראסעריס, אויף די האלסעילערס, אדער אויף די רעגירונג פארוואס זיי טוען גארנישט דערצו, "פינף דאלער א דאזן אייער, וואו האט מען געהערט אזוינס?", אבער עס וועט אונז גארנישט העלפן.

מיר קענען אבער נעמען דעם אנדערן מהלך, מיר ווילן דאנקען דעם אייבערשטן אז די באקטעריעס זענען נאר אריין צו די הינער, מען הרג'עט מיליאנען פון זיי, מען נעמט די הינדלעך און מען זאגט "זה חלפתי זה כפרתי זה תמורתי, זה התרנגול ילך למיתה, ואני אכנס לחיים טובים וארוכים ולשלום", און דאנקען דעם אייבערשטן אז מיר זענען געזונט, און מיר האבן א געזונטע אפעטיט.

די הויכע פרייזן קומט אין דירעקטע רעזולטאט פון דעם וואס די רעגירונג זוכט כסדר אונטער די פארמס צי עס כאפט זיך נישט אריין דארט קיין סאלמאנעלע - א שעדליכע באקטעריע וואס קען זיך צומאל אריינכאפן אין די הינער. בכלל איז גוט צו וויסן אז געזונטהייט מומחים רעקאמענדירן שטענדיג מען זאל נישט עסן קיין רויע אייער, נאר זיי גוט אויפקאכן, וואס דאס טוט הרג'ענען די באקטעריעס אין פאל עס איז אנגעשטעקט.

ווען מען טרעפט הינער וואס זענען קראנק ווילן די באאמטע פאדערן אויסצו'הרג'ענען אלע הינער, וואס שאפט א מאנגל אין אייער, וואס הייבט די פרייזן.

"אבער למעשה" - וועט איינער פרעגן - "וויאזוי וועט מען באצאלן פאר די אייער?" פאר דעם דארפן מיר געדענקען אז דער זעלבער באשעפער וואס האט אונז זאט געמאכט ווען די אייער האט געקאסט $0.89 סענט, וועט אונז געבן צו עסן אויך ווען אייער עס קאסט $5.99.

די ריקאל דעקט נאנט צו 260 טויזנט אייער פארקויפט אינטער די 'קירקלענד סיגניטשער' ברענד ביי 25 קאסטקא געשעפטן אין אלעבאמא, דזשארדזשע, נארט קאראליינא, סאוט קאראליינא און טענעסי. די 'עף-די-עי' זאגט אז מענטשן וועלכע האבן עס געקויפט זאלן עס צוריק ברענגען, און זיי זאלן האלטן אן אויג צו זיי אנטוויקלן נישט סימפטאמען פון סאלמאנעלע.

**שפך חמתו!**

# געדאנקען

## ווער האט א "עכטע" מיינונג?

ווער פירט וועמען?

דער רייטער פירט דעם פערד?

אדער דער פערד פירט דעם רייטער?

גוטע קושיא!

וואס איז די ענטפער?

איין זאך דארפט איר וויסן, עס איז דא קאנווערסעישן'ס (שמועסעלער) וואס איז "עכט".

און ס'איז דא קאנווערסעישן'ס וואס איז הוידל בוידל, מאלן וואסער, WASTE'ן שפייעכץ.

און בכלל, אז מ'רעדט שוין פון קאנווערסעישן'ס, דארף מען וויסן אז א גרויס חלק פון די פאפיולעישן (באפעלקערונג) האט נישט קיין מיינונגען! יא! ער האט נישט קיין שום קאנוויקשן (איבערצייגונג), ער האלט גארנישט! ער ווייסט נישט זיין אייגענע מיינונג איבער טראמפ אוןביידן אזוי ווי איך ווייס נישט וואו דער "דזשופיטער" שטערן געפינט זיך יעצט.

רעדט ער הויך? יא! קען ער אוועקקלאפן א צווייטן'ס מיינונג אין א דיבאטע? יא! זיכער! קען ער פארציילן פאר יעדן אז ער איז א "עכטער" רעכטער אדער א פארברענטער דעמאקראט? עם, פארציילן? יא! עכט האלטן אזוי? ניין! האלט ער עכט אז די ריפאבליקאנער (אדער די לינקע דעמאקראטישע) וועג איז די וועג? האט ער אן "אייגענע" קאנוויקטעד מיינונג אזוי ווי זיכער אז יעצט איז טאג? ניין און ניין! און נאכאמאל ניין!

און ס'איז בכלל נישט במציאות אין ESSENCE (אין תּוֹךְ תּוֹכִיּוֹת) אז א מענטש זאל האבן א עכטע מיינונג אויף א זאך, ווייל בְּכְּדֵי אז א מענטש זאל האבן א עכטע מיינונג, מוז ער נעמען זיין מיינונג פון די פלאץ וואו עכטע מיינונגען קומען.

פון וואו קומען טאקע עכטע מיינונגען? פון וואו קומט שכל? ווער האט באשאפן שכל? דער אייבערשטער אליין! איז אויב פרעגסטו נישט יעדן טאג דעם אייבערשטן, הייליגער באשעפער וואס איז די ריכטיגע וועג אין די און די זאך, איז, ווי אזוי קענסטו מיר זאגן אז דו האסט בכלל א מיינונג אויף א זאך?!

איך וועל אייך געבן נאך א דוגמא אז איר זאלט עס בעסער פארשטיין.

ענגליש איז נישט קיין שפראך!

ווווואאאאאאאאאאאאאססססססססס?!!!!

איך וועל עס נאכאמאל זאגן, ענגליש איז נישט קיין שפראך!

אויך נישט פארטוגעזיש, אויך נישט טערקיש, אויך נישט פלעמיש.

מ'מיינט נישט דוקא צו זאגן אז ס'איז נישט קיין שפראך, אודאי איז ענגליש א שפראך, אודאי איז פלעמיש א שפראך, אלעס איז א שפראך, אויך ווען א קינד פון אכט חדשים זאגט "מא" אנשטאט "מאמי" און "טא" אנשטאט "טאטי" איז עס אויך א שפראך, ס'איז די "אכטישער" שפראך, וואס די אכט חדשים'דיגע קינדער רעדן, און ווען די בעיבי איז שוין צוויי יאר און ער רופט די אמבולאנס א "לעלו", דעמאלטס רעדט ער די "לעלישע" שפראך, אזוי טוישן מענטשן שפראכן, פון טאג צו טאג, פון יאר צו יאר, פון מצב צו מצב, און אזוי ווייטער.

וועך ער וויל נישט הערן די עצה פון די צדיקים אז זאגן משניות געבט פאר דעם מענטש א נייע זויבערע ריינע נשמה, (עיין בבאר היטב אורח חיים סימן א' אז משניות קומט פאר אלעם און דעס געבט דיר א נייע נשמה), לייגט ער זיך אריין אין די טיפקייט'ישע שפראך, און פארטיפט זיך אין די קובץ און שטויסט זיך ארום אין די דערהער'ישע שפראך, אז ווען ס'קומט צו שידוכים זאל ער קענען די שידוכים'ישע שפראך. דערנאך אין שנה ראשונה, רעדט ער די כאלאט'ישע שפראך, און ווען ער גייט נישט ארבעטן, און קריגט זיך מיט די ווייב ווייל ער גייט ליידיג, הייבט ער אן רעדן די טעראפיסטישע שפראך, וואס ברענגט אים דערנאך צו רעדן די סעפערעישן'יסטישע שפראך, און דערנאך די גע'גט'ישע שפראך

א טיש הייסט TABLE? א בענקל הייסט CHAIR?

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

א טיש הייסט שולחן. אזוי האט געזאגט דער וואס אלע טישן פון די לעצטע זעקס טויזנט יאר קומט פון אים. אן אים איז נישט דא קיין טיש, און אזוי ווי א עפל קען נישט זאגן פאר'ן בוים, איך וועל דיר זאגן ווי אזוי צו מאכן שענערע עפעלעך, ווייל דער בוים פארשטייט בעסער פון דעם עפל ווי אזוי צו מאכן עפעלעך, אזוי זאגט דער בעל ה'טיש אז די עכטע ווארט פאר טיש איז שולחן, אזוי האט דער וואס האט באשאפן די וועלט געגעבן אויף יעדע זאך א נאמען. אודאי מעג יעדער צולייגן א נאמען אויף יעדע זאך, יעדער מעג מאכן א לעלו שפראך, יעדער מעג מאכן א אכטישע שפראך, אדער א סושי שפראך, אדער א פיצא שפראך, אדער סיי וואס פארא שפראך, די קונץ איז נאר (ווי עס שטייט אין ספרים הקדושים) אז סיי וואס פארא שפראך מען רעדט זאל מען זיך דערמאנען אין דעם אייבערשטן, דעמאלטס הייסט עס א "עכטע" שפראך, אז מ'טראכט פון דעם "עכט'ן" בעל הבית פון די וועלט

ווען האט א מענטש א "עכטע" מיינונג? ווען ער דערמאנט זיך פון אונזער פאטער אין הימל, וואס נאר ער איז איז עכט. יעצט אז דו האסט דיך דערמאנט פון באשעפער קענסטו ווייטער שרייען

> גיי צו צו א קופקע מענטשן און פרעג, ווער פירט וועמען? דער פערד דעם רייטער? דער רייטער דעם פערד? באלד וועסטו זען ס'וועט גיין הויכע טענער אויף ביידע זייטן...

רעכט! לינק! ריפאבליקען! דעמאקראט! עלעפאנט! אייזל! גלאבל ווארמינג! מעקסיקאו וואנט! אבי געב זיך א דערמאן אין דעם אויבערשטן...

יעצט גיי צו צו א קופקע מענטשן און פרעג, ווער פירט וועמען? דער פערד דעם רייטער? דער רייטער דעם פערד? באלד וועסטו זען ס'וועט גיין הויכע טענער אויף ביידע זייטן...

פרעג זיי נאר צו משה וויכטיג פירט דעם דינאלי, אדער דער דינאלי פירט משה'לען צו וואו ער דארף אנצוקומען, באלד וועסטו הערן צוויי צדדים וואס זענען סיי הייזעריג, סיי איבערצייגט אז ער איז גערעכט.

ווער איז גערעכט? וועלכע וועג איז עכט? דער וואס טראכט פון באשעפער איז עכט!

דער אמת מיט שפראכן איז, אז שפראכן טוישט זיך מיט יארן, אויך טוישט זיך שפראכן דורך דעם וואס מענטשן ציען זיך פון איין פלאץ צום צווייטן, אין 1849 למספרם, ווען ס'איז געווען די GOLD-RUSH אז מ'האט געהערט אין די מזרח שטאטן אז אין קאליפארניע געפינט מען גאלד, און 300,000 מענטשן האבן זיך א לאז געטון קיין מערב, האט זיך EVOLVED א נייע ווערסיע פון די ענגלישע שפראך וואס איז קענטבאר אז דער באטרעפנדער קומט פון קאליפארניע, אויך די קאנאדישע ענגליש רעדנדע רעדן עטוואס אנדערש ווי אין ניו יארק, שוין אפגערעדט פון די ענגליש פון ענגלאנד וואס איז דאך גאר באקאנט מיט איר אנדערשקייט.

די אידיש וואס מיר רעדן היינט איז עטוואס אנדערש ווי די אידיש פון הונדערט יאר צוריק, און די אידיש פון רומעניע, פוילן, רוסלאנד, זענען געווען גאנץ אנדערש איינס פון אנדערן, שוין אפגערעדט פון די ליטווישע אידיש, ווי זיי זאגן ברעיט אנשטאט ברויט.

נעכטן האב איך געהערט די הייליגע שלש סעודות תורה פון רבינו הקדוש מ'סאטמאר, פרעגט מיך מיין ווייב אויב איך פארשטיי יעדעס ווארט, (דער רבי נוצט אסאך ווערטער וואס מ'איז נישט צוגעוואינט היינט דערצו, אסאך ווערטער זאגט מען היינט אנדערש) האב איך איר געזאגט, אודאי פארשטיי איך, דער רבי זאגט, טו תשובה! גיי צוריק צום באשעפער!

לאמיר אלע צוזאמען זאגן הויך אויפ'ן קול "הייליגער באשעפער, מיר ווילן תשובה טון, מיר ווילן צוריקגיין צו דיר".



# מעשיות פון תפילה

## ישראל דוד העסקעל

קרית ברסלב

איך האב געהאט אן אפוינטמענט ביי א דאקטער אין וויליאמסבורג. איך בין אריינגעפארן פרי אין וויליאמסבורג - די וועג פון צוויי שעה - צו קענען זיין צייטליך.

למעשה ווען איך בין אנגעקומען האבן זיי געזאגט אז זיי זענען נישט מיין נאמען אין די סיסטעם, און ביי דער דאקטער קען מען נאר אריינגיין מיט אן אפוינטמענט!

איך האב זייער שטארק אנגעהויבן צו בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל יא קענען אריינגיין. שפעטער האבן זיי מיר געזאגט אז היות איך בין געקומען אזא לאנגע וועג, גייען זיי מיר אריינלאזן, אבער איך וועל מוזן ווארטן בערך א שעה!

איך זעץ זיך אוועק אינעם ווארט צימער און איך בעט דעם אייבערשטן אז איך זאל גראד קענען אריינגיין. למעשה האב איך געווארט סך הכל אונטער פינף מינוט און גראד געקענט אריינגיין צום דאקטער!

## יואליש קרויס

ביתר

איך האב בטעות אויסגעמעקט פערמענאנט אסאך זייער וויכטיגע זאכן פון מיין דרייוו, און איך האב נישט געטראפן וויאזוי צו עס צוריקברענגען.

איך האב מיך גאר שטארק דערשראקן דערפון, ווייל עס איז זאכן וואס איך האב נישט אוועקגעלייגט אין קיין שום אנדערע פלאץ.

איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל טרעפן א וועג עס צו צוריק באקומען, איך זאל נישט האבן די גרויסע שאדן.

און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז איך האב געטראפן א וועג צו עס טון און איך האב ברוך השם אלעס צוריקבאקומען ביז אפאר מינוט וואס האט אויסגעזען בשעת מעשה גאר לאנג..

שכח אייבערשטער!

# הֵיטִיבָה ה׳ לַטּוֹבִים
# וְלִישָׁרִים בְּלִבּוֹתָם

יעמוד
על הברכה
ידידינו הנכבד
פארן מנדב זיין

די רענט פון

# חודש טבת

מו״ה
מרדכי
הערצאג
הי״ו

מו״ה
ישראל דוד
העסקעל
הי״ו

מו״ה
לייבי
אפפעל
הי״ו

די זכות פון ארויסהעלפן דעם הייליג'ן רבינ'ס
מוסדות זאל איך ביישטיין צו האבן בני
ברוכי, פרנסה בשפע, געזונטע לאנגע יארן,
מיט פול סייעתא דשמיא.

מוסדות
היכל הקודש
ברסלב בארה״ב

רענט
קאמפיין

*sruliHeskel

# א סוקסעספולער ביזנעסמאן !

די חורבן שטייט פאר די אויגן, די מוחות בושעווען, וואס וועט דא זיין די עתיד?

מ'טרעפט זיך אין א נייע לאנד, נישט דא די גאנצע גיריסא דינקותא, די באבעס הויז מיט די שול פון שטעטל, די געשעפטן מיט די אייקאנישע מענטשן, אלעס איז פארשוואונדן און אויסגעמעקט געווארן!

גאנצע משפחות זענען שוין נישט דא. גאנצע שטעט אין דערפער וואס זענען געווען אונזערע היים איז פלוצלינג געווארן פארפרעמדט, און ווער איז יא דא?

עפעס א יתומ'ל דא, א יתומה דארט, דא אן אלמן, דארט אן אלמנה, צופליקט און צוריסן אן צו וויסן צו וואו מען זאל ווענדן די נעקסטן טריט טרעפט זיך די שארית הפליטה, דאס פארבליבענע צובראכענע מענטשן פון כלל ישראל, אין א לאנד וואס זיי קענען אלס די טריפה'נע אמעריקע!

די שפראך איז פרעמד, די גאסן זענען פרעמד, די מענטשן זענען פרעמד, די גאנצע הלוך ילך איז פרעמד, קיין איין חלק פונעם לעבן שפירט זיך נישט "היימיש". די צובראכענע מענטשן דרייען זיך אויפן גאס כחרס הנשבר, זיי ווייסן נישט וואו צו ווענדן זייערע נעקסטע טריט.

אויך דער גרויסער צדיק דער הייליגער סאטמארער רב זי"ע איז דעמאלט אנגעקומען קיין ניו יארק. גראד האט ער זיך דערזען מיט די שווערע ארבעט פון צוריק אויפבויען די שרעקליכע חורבן וואס די רשעים ימ"ש האבן אנגעמאכט פאר כלל ישראל.

ער האט צוזאמען געזאמלט די אלע צובראכענע נשמות וואס האבן זיך געדרייט אן וויסן וואס מען טוט ווייטער, און אנגעהויבן מיט ציין אין נעגל צוריק איינצופלאנצן אידישקייט אזוי ווי אינדערהיים, אזוי ווי אונזערע זיידעס און עלטער זיידעס האבן געצויגן די מסורה פאר הונדערטער יארן אין גלות, אן זיך אוועקצורירן קיין זוז כל שהוא פון די וועג וואס מיר פירן זיך פאר אלע דורות.

איבריג צו זאגן אז צו קענען צוריק אויפבויען אזא חורבן האט זיך פארלאנגט אסאך אסאך כוחות און אזוי אויך שווערע געלטער, אבער דער הייליגער סאטמארער רב זי"ע האט אויף גארנישט געקוקט און איז אנגעגאנגען מיט מסירת נפש אזוי ווי מיר אלע ווייסן.

איין טאג איז א גרויסער עושר געקומען צום סאטמארער רב, דער רבי האט אים געפרעגט אויב ער קען אים בארגן א ריזיגן סכום געלט - לאמיר זאגן אין יענע צייטן א הונדערט טויזנט דאלער!

דער איד האט מסכים געווען. מ'האט געשריבן א שטר הלוואה, און דער איד האט פארבארגט דאס געלט פארן רבי'ן.

ס'איז אדורך א תקופה און דער איד איז נעבעך אוועק פון די וועלט אינגערהייט. דער סאטמארער רב איז געקומען מנחם אבל זיין און אפגעברענגט דאס געלט וואס ער געבארגט פאר די אלמנה.

דארט ביי די אלמנה אין שטוב איז אויך געזיצן שבעה א אינגל פונעם עושר. דער סאטמארער רב וויל באצאלן די חוב פאר די אלמנה אבער זי וויל עס נישט נעמען, זי זאגט פארן רבי'ן מיט איר אמונת חכמים "איך ווייס אז דער רבי האט אנדערע וועגן צו באצאלן, איך וויל נישט נעמען דאס געלט"!

דער רבי האט פרובירט זיך איינצובעטן ביי איר, אבער זי וויל בשום פנים ואופן נישט הערן פון דעם, "איך ווייס אז דער רבי האט אנדערע וועגן פון קענען באצאלן" זאגט זי נאכאמאל מיט איר שטארקע אמונת צדיקים "מיר ווילן נישט דאס געלט"!

דער רבי האט געזען אז זי עקשנ'ט זיך האט דער רבי געפרעגט "ווען קומט אויס די בר מצוה פונעם יונגל?" האט די מאמע געענטפערט ווען דאס קומט אויס. דער רבי האט מנחם געווען און איז צוריק אהיימגעגאנגען.

ס'איז אריבער א תקופה, און ס'איז

## דאס און יענץ מיט א טיפערע אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**



געקומען די צייט וואס דאס קינד פונעם עושר האט בר מצוה געהאט, דער סאטמארער רבי האט איבערראשט דעם עולם ער איז אנגעקומען צו די בר מצוה!

מ'זעצט אים אויבן אן נעבן דעם בר מצוה בחור, און דער רבי נעמט ארויס פון טאש אן ענוועלאופ פול מיט געלט ער געבט דאס אהין פארן בחור, און ער זאגט פארן בחור: "דאס איז די געלט וואס איך האב געבארגט פון דיין טאטע איך וויל דיר אפצאלן דעם חוב".

דער בחור האט געדענקט וואס זיין מאמע האט געזאגט ביי די שבעה מיט אזא שטארקייט, האט ער איבערגעזאגט פארן רבי'ן די זעלבע ווערטער "מיין מאמע האט געזאגט אז דער רבי האט אנדערע וועגן ווי אזוי צו באצאלן, מיר ווילן נישט נעמען דאס געלט".

דער רבי פרעגט פארן בחור "דו ביסט זיכער מיט דעם?".

זאגט דער בחור מיט א שטארקייט "יא! איך בין זיכער מיט דעם".

דער רבי האט ווארעם אנגעווינטשן און איז געגאנגען ווייטער זיין וועג.

יארן זענען אריבער און דער בר מצוה בחור'ל איז גרויס געווארן, ער האט חתונה געהאט און אויפגעשטעלט א שטוב, שפעטער האט ער אנגעהויבן צו טון אין מסחר.

ער האט גראד אנגעהויבן אויסטערליש שטארק מצליח צו זיין אין זיינע ביזנעסער. זיינע ביזנעסער האבן אנגעהויבן צו וואקסן אויף גאר א גרויסע פארנעם, און גאנץ שנעל איז ער באקאנט געווארן אלס א ריזיגער עושר.

ער האט געגאסן געלט פאר צדקה, יעדער צוועק האט ביי אים געהאט א אפענע טיר, ווער ס'האט נאר געדארפט האט געוויסט אז ביי דעם עושר וועט ער טרעפן אן אוזן קשבת, דער וועט אים נישט ארויסלאזן מיט ליידיגע הענט.

אלע וואס האבן געדענקט די מעשה זענען געשטאנען ביי די זייט און געזאגט "איר זעט דאס איז די חוב וואס דער סאטמארער רבי באצאלט, קוק אן די עשירות וואס דער האט, דאס איז זיכער די ברכה פונעם סאטמארער רבי".

ס'איז אריבער ימים ושנים, און דאס רעדל זיינע האט זיך נעבעך געגעבן א דריי, די ביזנעסער האבן זיך אנגעשטויסן אין פראבלעמען, און צוביסלעך האט ער אנגעהויבן צו גיין מטה מטה, ביז ער איז געבליבן ממש אן עני ואביון!

אבער איין אינטערעסאנטע זאך האט מען אויפגעפאסט אויף אים, מ'איז געווען זיכער אז ער וועט אריינפאלן אין א מרה שחורה, אזוי ווי ס'קען פאסירן ווען איינער האט אזא אומגליק. אפשר וועט ער אנהייבן האבן קשיות אויפן אייבערשטן און אויפהערן צו קומען אין שול דאווענען...

אבער ניין! מיט א שטארקייט און מיט א שמייכל אן צו האבן חלילה קשיות אויפן אייבערשטן איז ער אנגעגאנגען ווייטער מיט זיין עבודת השם און זיך גארנישט צובראכן!

דא האט מען שוין געזען אז דאס איז דער חוב וואס דער רבי באצאלט! אז אפילו ווען ס'איז דא פינסטערע טעג, זאכן גייען אויסגעדרייט, זאל מען ווייטער אנגיין מיט די עבודת השם, דאס איז א ריכטיגער סוקסעספולער ביזנעסמאן!

דאס באקומען מיר דא אין היכל הקודש פונעם ראש ישיבה שליט"א, און מיר לעבן מיט דעם, אז אפילו ווען זאכן גייען שלא כסדר האט מען חלילה נישט קיין קשיות אויפן אייבערשטן, און מ'גייט ווייטער אן מיט די עבודת השם פונקט ווי אין די גוטע טעג.

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

# היכל הלכה

## הלכות טבילת כלים

### יורה דעה סימן ק"כ

**מיטן אייבערשטנ'ס הילף גייען מיר ווייטער מיט די הלכות פון טובל'ן כלים.**

**ו)** נאר כלים וואס מ'ניצט אויף עסן און טרינקען דארף מען טובל'ן. (18)

סיי אויב מ'ניצט עס אויף קאלטע עסן/טרינקען, און סיי אויב מ'ניצט עס אויף הייס. (19)

אין דעם איז נכלל:

גלעזלער, לעפלער, גאפלער, טעלערס..

**ז)** אזוי אויך כלים וואס מ'קאכט אין זיי עסן דארף מען טובל'ן. (20)

טָאפּ, דעקל פון א טאפּ, שֶׁעפּ לעפל, פֶּענדל וואס מ'פרעגלט אין דעם.

**ח)** א טיש דארף מען נישט טובל'ן. (21)

**הקדמה:** נאר אַ כלי וואס קומט פון אַ גוי'שע קאמפאני דארף טבילה, און אפילו ער האט אידישע ארבעטער דארף עס טבילה.

און אזוי אויך פארקערט, א אידישע קאמפאני און ער האט גוי'שע ארבעטער, דארף נישט קיין טבילה. מ'גייט נאך דעם בעל הבית. (22) א כלי וואס קומט פון א אידישע קאמפאני, אבער ס'קומט פון א גוי'שע געשעפט דארף טבילה. (23)

**ט)** ציורים ודוגמאות: אז מ'האט א בעכער, חלה טאץ, זאלץ מעסטל, שב"ק מעסער, בדרך כלל די אלע סארט זאכן קומט פון א אידישע קאמפאני. אז מ'קויפט עס אין א אידישע געשעפט דארף עס נישט קיין טבילה, אבער טאמער קויפט מען עס אין א גוי'שע געשעפט אפילו ס'איז פון א אידישע קאמפאני דארף עס טבילה.

**שים לב!** אפילו מ'קויפט בעקעלעך וואס האט א השגחה און ס'שטייט דערויף אינו צריך טבילה! טאמער ס'איז פון א גוי'שע געשעפט דארף עס האבן טבילה!

**י)** א כלי וואס עמטליך האט מען עס נישט געמאכט צו ניצן פאר עסן, אבער ווען מ'קויפט עס האט מען אפגעמאכט אז מ'וויל עס פאר עסן - למשל א שעי"פ, וואס איז געמאכט פאר קלע"י, אבער מ'איז מחליט אז מ'וויל עס ניצן פאר עסן, דארף מען עס טובל'ן. (24)

**יא)** נאך מער אפילו א זאך וואס איז אינגאנצן נישט קיין כלי, למשל א טאץ וואס איז געמאכט צו שפילן דערמיט, און מ'מאכט אפ אז מ'וויל עס ניצן פאר א טעלער, דארף עס טבילה. (25)

א כלי וואס מ'ניצט געווענטליך נישט פאר עסן נאר אמאל אמאל,

## הערות

18) כ"כ בב"י ד"ה והן צרכי סעודה, ומפרש טעמא (בסוף עבודה זרה) משום דכלי סעודה אמורין בפר' כלי מדין פי' דכתיב כל דבר אשר בא באש, ואין דרך להשתמש באש אלא כלים של צרכי סעודה

19) עו"ז עה: בברייתא שם.

20) ערוך השולחן סעי' ז'

21) בתוס' מס' שבת טו: ד"ה אלמה, מבואר דשולחן אי"צ טבילה במהר"ם כ' דאינו כלי סעודה.

22) ערוך השולחן סעי' נ"ח, וז"ל בא"ד: אבל בעסק כללי כמו פאבריק שעושין כלים למאות ולאלפים הכל הולך אחר בעל העסק ועל שמו נקראו הכלים, והפועלים אינם אצלו אלא כמו שכיר יום, ולכן: אם המחזיק הוא ישראל פטורים מטבילה אף כלי מתכת אפי' הפועלים הם כותים, ולהפך אם המחזיק הוא כותי והפועלים הם ישראלים, אף בכלי זכוכית חייבים בטבילה, והובא בדרכי תשובה סקפ"א, וכ"כ בשו"ת אגר"מ (או"ח ח"ג סי"ד)

23) כ"כ בשו"ע סעי' י"א: ישראל שמכר לגוי, וחזר ולקחו ממנו צריך טבילה.

ע"י באג"מ יו"ד ח"ג סי' כ"א: דכ' דאינו אלא ספק, משום דאולי המחב' דיבר כשעשה הגוי בתחילה וישראל טבל הכלי פעם א', ואח"כ חזר ומכר לגוי, משא"כ אם הישראל עשה את זה בתחילה ומכר אינו אלא ספק, ומסיק דטבול בלי טבילה (אולי בלי ברכה?)

24) כן כ' בשו"ת אבני נזר (יו"ד סי' ק"ו או' ב').

25) פרמ"ג או"ח סי' תנ"א משבצ"ז סק"ו.



איבערגעגעבן
דורך הגאון
**הר"ר יונה**
**זינגער שליט"א**
דומ"ץ קרית
ברסלב

למשל א טעפל וואס איז געמאכט פאר נטילת ידיים, אמאל אמאל גיסט מען צו וואסער צו א עסן, אזוי אויך למשל, א שעיפ פון קלע"י וואס מ'ניצט נישט פאר עסן געוועינטליך, יעצט איין מאל וויל מען עס ניצן פאר עסן - דארף עס נישט קיין טבילה. [26]

**הקדמה קצרה:** די רינגען וואס מ'לייגט ארויף די טאפ דערויף דארף נישט קיין טבילה, וויבלאד ס'רירט נישט אן די עסן דירעקט נאר די טָאפ, וואס אינעם טאפ איז דא עסן, (מחבר סעיף ד'). מילא קומט אויס פון די דין אז:

**יב)** א הא"ט פלע"ט, די טעלער וואס ליגט אין א מייקראוועי"ו, א בלעך, די אלע דארף נישט קיין טבילה ווייל ס'רירט בדרך כלל נישט צו צו די עסן אליין, נאר צום טעלער. אזוי אויך א טאץ וואס מ'סערווירט מיט דעם די עסן, אבער די עסן ליגט אין א טעלער, די שעלפ'ס פון א אויבן, די שעלפ'ס פון א טאוסטער אויוון - די אלע האבן די זעלבע דין פטור מטבילה, ווייל מ'ניצט עס נאר מיט א הפסק פון א טעלער.

**יג)** אז מ'ניצט א כלי בלויז מיט א זילבער פאפיר, אדער מיט א פאפיר, כדי ס'זאל פשוט זיין גרינגער צו רייניגן נאך דעם, דאס העלפט נישט צו פטר'ן פון טבילה, ווייל ס'באדינט נישט דאס עסן, נאר די כלי, מילא ווערט עס בטל צום כלי. [27]

**למשל:** ס'איז דא וואס לייגן א פלעסטיג בע"ג אין די קרא"ק פא"ט - אדער א פעיפער אין די בער"י קרעקע"ר דאס פטר'ט נאך נישט די כלי פון טבילה - אויב ס'איז פון די סארט וואס איז מחויב.

**יד)** מחויב בטבילה איז נאר אויב ס'רירט אן די עסן זעלבסט, אויב ס'רירט אן צו די כלי אין וואס די עסן ליגט איז עס פטור, [28] צוליב דעם איז א קע"ן עפענער, [29] מעסער שארפענער, [30], א אונטער לייגער וואס מ'לייגט ווען די טאפ איז הייס, [31] ניסל קראכער, [32] די אלע זענען פטור מטבילה, ווייל ס'רירט נישט אן בדרך כלל די עסן.

**ט"ו)** א כלי וואס ס'איז נאר געמאכט צו ניצן איין מאל, האט נישט קיין דין פון א כלי, ממילא איז עס פטור פון טבילה - בתנאי אז מ'ניצט עס טאקע איין מאל. [33]

במילא בעקעלער איז טאקע פטור פון טבילה, אבער טאמער מ'האט אין פלאן עס צו ניצן מער ווי איין מאל, דארף מען עס טובל'ן פארן ניצן די ערשטע מאל. [34]

**שים לב!** פון דא נעמט זיך די וועלט'ס טעות וואס מ'מיינט אז א כלי וואס מ'ניצט די ערשטע מאל איז פטור, ס'איז נישט אמת!! נאר א כלי וואס איז געמאכט פאר איין מאל איז פטור.

ווען מ'ניצט עס איין מאל, נאר מ'נעמט עס ארויס פון אויוון אפאר מאל צו בודק זיין אויב ס'איז שוין גרייט, אדער צו צולייגן עפעס וכדומה הייסט עס נאך איין מאל און ס'איז פטור מטבילה. [35]

## הערות

26) זהו ד' הפר"ח סק"ט - דלא כרמ"א סעי' ח', שכ' דאסור להשתמש עראי לסעודה אעפ"י, שלקחו לצו' קלפים - ע"י מנחת יצחק שרוצה לתרץ שלא יהיה מחלוקת ביניהם (ח"ט סי' פ"ד)

27) שו"ת מנחת שלמה (ח"ב סי' ס"ו) מסורת משה (ח"א יו"ד אות ל"ח) חוט השני (סק"ג ד"ה וכן פ"א).

28) ש"ך סקי"א בסוף דבריו, לפי זה כ"ש דהמקדח שמנקבין בו ברזות החביות אי"צ טבילה, דלא כמהרי"ל, וכן נוהגים.

29) קובץ מבית הלוי (עניני יו"ד עמ' קמה).

30) חוט השני (אות י').

31) ערוך השולחן סעי' ל"ב.

32) שבט הלוי (ח"ו סו"ס רמ"ה) וכ"כ שם טעם, משום שאינו עושה שום תיקון בגוף המאכל.

33) ויען יוסף (או"ח סי' קמ"ה אות ד' יו"ד סי' ס"ו) שו"ת מנחת יצחק (ח"ה סי' ל"ב ח"ח סי ס"ט) שו"ת חלקת יעקב (יו"ד סי' ס"ו).

34) תשובות והנהגות ח"ג סי' רנ"ט ח"ד סי' קצ"ב.

35) בעו"ז בשו"ת מחזה אליהו (ח"ב סי' נ).

36) בעו"ז בשו"ת חיי הלוי (ח"ד סי' נ"ו).



# א מעשה
## פון א צדיק

# פוּן לֶערְנֶען דֶערְלַייגְט מֶען נִישְׁט
### חלק א׳

אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זי״ע אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד מִיטְן נָאמֶען ר׳ יַעֲקֹב וָואס פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ לֶערְנֶען גְמָרָא, וֶוען עֶר הָאט נָאר גֶעהַאט צַייט הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט אַ דַף אוּן נָאךְ אַ דַף, מַמָשׁ גְּזְמָאוֹת פוּן דַפִּין.

זַיין וַוייבּ אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת, אֲפִילוּ זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט הָאט זִי אִים שְׁטַארְק מְחַזֵק גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען.

וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט אַז ר׳ יַעֲקֹב עֶלְטְסְטֶע טָאכְטֶער הָאט שׁוֹין גֶעהַאלְטְן בַּיי שִׁידוּכִים הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט זַיין וַוייבּ ״וָואס זָאל מֶען דָא טוּן דָא? אוּנְזֶער טָאכְטֶער הַאלְט שׁוֹין בַּיי שִׁידוּכִים, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַאר נָדָן, אוּן צוּ חֲתוּנָה מַאכְן בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד? אִיךְ זֶע נִישְׁט פוּן וואוּ אִיךְ קֶען הָאבְּן דִי גֶעלְט!״

הָאט זַיין וַוייבּ גֶעזָאגְט: ״פָאר קַיין לוּבְּלִין צוּם הֵיילִיגְן חוֹזֶה זי״ע וָואס אִיז בַּאוואוּסְט צוּ זַיין אַ פוֹעֵל יְשׁוּעוֹת, דָארְט פַארְן זֵייעֶר אַסַאךְ אִידְן צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ יְשׁוּעָה, אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דָארְט וֶועסְטוּ קֶענֶען פוֹעֵל׳ן אַ יְשׁוּעָה״.

הָאט ר׳ יַעֲקֹב גֶעפְרֶעגְט מִיט דִי גַאנְצֶע תְּמִימוּת: ״אוֹיבּ אִיךְ פָאר צוּם רֶבִּי׳ן וָואס גֵייט זַיין מִיט מַיין לֶערְנֶען גְמָרָא״? הָאט זִי גֶעעֶנְפֶערְט: ״זָארְג זִיךְ נִישְׁט! יֶעצְט אִיז רָצוֹן ה׳ דוּ זָאלְסְט פָארְן קַיין לוּבְּלִין, דוּ וֶועסְט שׁוֹין זִיכֶער טְרֶעפְן אַ וֶועג צוּ קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין לֶערְנֶען גְמָרָא״.



ר׳ יַעֲקֹב אִיז טַאקֶע גֶעפָארְן קַיין לוּבְּלִין. עֶר גֵייט אַרַיין צוּם הֵיילִיגְן חוֹזֶה זי״ע אוּן עֶר זָאגְט פַארְן רֶבִּי׳ן: ״אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מַיין טָאכְטֶער הַאלְט שׁוֹין בַּיי שִׁידוּכִים אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַאר נָדָן, אוּן צוּ חֲתוּנָה מַאכְן בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד!״ הָאט דֶער חוֹזֶה גֶעזָאגְט: ״וַוארְט דָא בִּיז מָארְגְן אוּן אִיךְ וֶועל הָאבְּן אַן עֶנְטְפֶער פַאר דִיר״.

ר׳ יַעֲקֹב אִיז גְלַייךְ אַרַיין אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, זִיךְ גֶענוּמֶען לֶערְנֶען גְמָרָא וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען. אוֹיף מָארְגְן אִיז עֶר אַרַיין צוּם רֶבִּי׳ן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה זָאגְט אִים: ״וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דַיין לֶערְנֶען גְמָרָא הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע רַעַשׁ אוֹיבְן אִין הִימְל, דַיין יְשׁוּעָה אִיז אִין בַּארְדִיטְשׁוּב בַּיים הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב זי״ע, פָאר צוּ אִים אוּן דָארְט וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן״

ר׳ יַעֲקֹב מִיטְן גַאנְצְן תְּמִימוּת הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ לַאנְגֶע נְסִיעָה קַיין בַּארְדִיטְשׁוּב. עֶר אִיז אַרַיין גֶעגַאנְגֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי״ע אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן דִי הַארְץ: ״אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מַיין טָאכְטֶער הַאלְט שׁוֹין בַּיי שִׁידוּכִים אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַאר נָדָן אוּן צוּ חֲתוּנָה מַאכְן בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד, מַיין וַוייבּ הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט קַיין לוּבְּלִין, אוּן דֶער הֵיילִיגֶע חוֹזֶה הָאט מִיר גֶעזָאגְט צוּ קוּמֶען דָא״. הָאט דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי גֶעזָאגְט: ״קוּם צוּרִיק מָארְגְן, אוּן אִיךְ וֶועל זֶען וִויאַזוֹי אִיךְ קֶען דִיר הֶעלְפְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטֶענְ׳ס הִילְף״.

ר׳ יַעֲקֹב אִיז גְלַייךְ אַרַיין אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, זִיךְ גֶענוּמֶען לֶערְנֶען גְמָרָא מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע דָארְשְׁט. אוֹיף מָארְגְן אִיז עֶר אַרַיין צוּם רֶבִּי׳ן אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְן אַפָּאר גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת אוּן גֶעזָאגְט: ״פָאר גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן וֶועסְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אוּן וֶועסְט קֶענֶען מַאכְן אַ שֵׁיינֶע חֲתוּנָה״. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: ״אוּן אִיךְ פְּלַאן אוֹיךְ צוּ קוּמֶען צוּ דִי חֲתוּנָה״.

(שיחות מוהרא״ש חלק טז׳ ערך גמרא)

**פארזעצונג קומענדיגע וואך אי״ה**



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע



ק"ג

## פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט גָאר שְׁוֶוערֶע מְנִיעוּת פוּן זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן פוּן אַנְדֶערֶע חָשׁוּבֶע מֶענְטְשְׁן, אַז עֶר זָאל נִישְׁט פָארְן צוּם רֶבִּי'ן.
זַיין מִשְׁפָּחָה הָאבְּן גֶעוָואלְט עֶר זָאל פִירְן גֶעשֶׁעפְטְן, עֶר זָאל פָארְן קַיין בַּארְדִיטְשׁוּב צוּ קוֹיפְן סְחוֹרָה, אָבֶער רֶבִּי נָתָן הָאט נָאר גֶעבְּרֶענְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן,

עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶונֶען, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דַאוֶונֶען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, "דָא נִישְׁט וַוייט, אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, וואוֹינְט אַ רֶבִּי וָואס קֶען מִיר אוֹיפְלַייכְטְן דָאס לֶעבְּן, עֶר קֶען מִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַיין טוּנְקְלְקֵייט אוּן בִּיטֶערְנִישׁ, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט פָארְן צוּ אִים!", אָבֶער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר זַיין מִשְׁפָּחָה אַז עֶר וֶועט נִישְׁט פָארְן צוּם רֶבִּי'ן בִּיז שַׁבָּת חֲנוּכָּה, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן.

וֶוען דִי בִּיטֶערְנִישׁ הָאט זִיךְ אָבֶער גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף אִים מֶער אוּן מֶער, הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן אַז וֶוען זַיין טַאטֶע וֶועט עֶסְן מִיטָאג, אוּן גֶעוֶוענְלִיךְ לֵייגְט עֶר זִיךְ אַרָאפּ אַבִּיסְל נָאכְדֶעם, וֶועט עֶר דַאן פָארְן צוּם רֶבִּי'ן, אוּן עֶר וֶועט עֶס מַאכְן שְׁנֶעל צוּ זַיין צוּרִיק נָאךְ פַאר נַאכְטְמָאל, אַזוֹי וֶועט זַיין טַאטֶע נִישְׁט הָאבְּן אֲפִילוּ בַּאמֶערְקְט אַז עֶר אִיז גֶעפָארְן.

עֶר הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן דִינְגֶען אַ וָואגְן אוּן אִיז גֶעפָארְן קַיין בְּרֶסְלֶב, אָבֶער אִינְמִיטְן וֶועג הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ שְׁוֶוערֶע גָאס רֶעגְן, אוּן דִי פֶערְד זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר שְׁטַאט, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן עֶרְשְׁט בַּיינַאכְט שׁוֹין נָאךְ מַעֲרִיב.

עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְן רֶבִּי'ן זַיינֶע בִּיטֶערְנִישְׁן אוּן דִי מְנִיעוּת וָואס נֶעמֶען אִים אַרוּם פוּן אַלֶע זַייטְן. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אַז עֶס אִיז גָאר שְׁלֶעכְט, צִיעֶט מֶען זִיךְ צוּם אֱמֶת. אָבֶער וואוּ אִיז פָארְט דֶער אֱמֶת?"

דֶער רֶבִּי הָאט אִים דַאן גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ו', ט"ו) צֹהַר תַּעֲשֶׂה לַתֵּבָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קי"ב), וָואס דָארְט אִיז קְלָאר עֶרְקְלֶערְט וָואס אַ מֶענְטְשׁ זָאל טוּן וֶוען עֶר אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט מְנִיעוּת אוּן סְ'אִיז אִים זֵייעֶר פִינְסְטֶער אוּן בִּיטֶער, בִּיז עֶר קֶען כִּמְעַט זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען פוּן דֶעם חוֹשֶׁךְ, אִיז דִי עֵצָה אַז מְ'זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיט וִוי אַזוֹי מְ'שְׁפִּירְט דֶעמָאלְט, מִיטְ'ן אֱמֶת וואוּ עֶר הַאלְט דֶעמָאלְט, אוּן דַאן וֶועלְן דִי דִיבּוּרִים אִים אוֹיפְלַייכְטְן דִי טִירְן וִוי אַזוֹי עֶר זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיינֶע טוּנְקְלְקֵייטְן אוּן בִּיטֶערְנִישְׁן, וִוי מְ'קֶען דָארְט זֶען אִינֶעוֵוייניג אִין דִי תּוֹרָה.

דֶערְנָאךְ אִיז רֶבִּי נָתָן צוּרִיק אַהֵיימְגֶעפָארְן.

פוּן דֶעם טָאג וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן, הָאט רֶבִּי נָתָן אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען מִיט גְרוֹיס פְלַייס, אוֹיף אַ נִישְׁט נָארְמַאלְן פַארְנֶעם. טָאג אוּן נַאכְט הָאבְּן זַיינֶע לִיפְּן זִיךְ נָאר גֶעשָׁאקְלְט מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט קֵיינֶעם, נָאר פוּן עֲבוֹדַת ה'.

אוּן אוֹיף דֶעם אַלֵיין הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף דֶעם פִילֶע מְנִיעוֹת, סֵיי פוּן זַיין טַאטֶע אוּן סֵיי פוּן זַיין וַוייבּ, מְ'הָאט אִים זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט דָאס לֶעבְּן.

עֶר הָאט אָבֶער זִיךְ גֶעהַאלְטְן בַּיי זַיינְ'ס, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט הָאבְּן צוּטוּן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן פוּן דֶער וֶועלְט, עֶר אִיז נָאר אַנְטְלָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גָאר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה




*Deadline to advertise Sunday 12:00 PM*

# קלאסיפיידס




## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שלום יוסף יאקאבאוויטש הי"ו**
**וזוגתו ביילא תחי'**

**צו די נייע מיידל בעבי למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער געזונטערהייט.

### Babysiting

Steady babysiting.
Drop off.
Overnight.
S. Rabinowitz

**Call 347-885-4205**

### Egg Boxes

מיר האבןליידיגע
אייער באקסעס
אוועקצוגעבן ווען
נויטיג.

**Call 347-831-4727**

### Waze Gemach

ווילט איר פארן ערגעץ
און איר דארפט א
waze מאשין צו בארגן?

**Call 929-617-0448**

פאר די
# ברסלב'ע
שטוב




הערליכער
# נייע אלבום
## פאר פרויען און מיידלעך

מ. פאפענהיים:
דער ראש ישיבה
קלאפט ביים טיר!

ג. פעקעטע:
איך בין זייער
פארנומען

ש. טראכטער
דו ביסט
פערפעקט!

ש. טראכטער



# דו ביסט פערפעקט!

מיין חבר'טע האט מיר לעצטנס געריפן און מיר דערציילט אז ביי זייער חנוכה מסיבה איז געווען א העפטיגע דעבאטע איבער וואס איז געזונטער פאר א שטוב, א שטארקע מאמע וואס האט א שיטה אין אלעמען, אדער א ווייכע מאמע וואס האט נישט קיין דעות אדער שיטות, ווייסט זייער גוט וויאזוי צו קאכן נאכטמאל און לייגן די קינדער שלאפן?

נו, א העפטיגע שמועס פאר ווער עס האט איבריג צייט צו דעבאטירן די נושא.

זי דערציילט מיר אז מען האט דאס אויסגעאקערט ביי זייער חנוכה מסיבה, און יעדער האט געהאט דערין וואס צו זאגן (לויט איר נאטור פארשטייט זיך...)

איך האב איר געזאגט אז איך זע נישט וואס די האסטיגע טענה'רייען זענען.ביידע זענען שיינע מעלות פאר א אידישע שטוב אויב מען נוצט עס ריכטיג. א נאטור איז נישט עפעס וואס מען האט זיך איינגעהאנדלט אין געשעפט, דאס זענען אייגנשאפטן וואס דער אייבערשטער האט מיר געגעבן ספעציעל וואס איך דארף צו בויען מיין בית נאמן.

נאכמער האב איך געקלערט אבער איר נישט געזאגט אז ווען מען איז זוכה צו ווערן מקורב צו א צדיק אמת ווערן אלע חסרונות איבערגעדרייט צו מעלות, אביסל א בחינה ווי די עבירות וואס ווערן איבערגעדרייט צו מצוות אין די הייליגע טעג.

ווייל לאמיר זיך נישט נארן. א שטארקע פרוי מיט דעות אויף יעדע נושא האט אסאך חסרונות. אין די וועלט וועט מען איר אנרופן א "קאנטראלער" אדער אז זי "אונטערדרוקט די משפחה..." ווייל א פרוי וואס האט א דעה אין יעדע זאך וועט אפשר נישט אויסהערן איר מאן און זיך נישט אונטערבייגן. זי האט זיכער אן "הכנעה אישו..." (האט אויך איר הייסקול לערערין געזאגט).

ווידער א פרוי אן א דעה? איז דען נישט קיין חסרון? זי הערט אויס יעדע שוטה. יעדע שכן און יעדע בעל דרשן. דערשרעקט זיך פון יעדע בלאזעריי פון א קינד און גייט איין אויף רוחניות'דיגע פשרות. מילא יעדע נאטור און כאראקטער קענסטו אויסטייטשן אלץ אן "ערנסטע פראבלעם."

דאס איז נישט קיין קונץ. אבער "אז מען קומט צום רבי'ן הערט מען נייע זאכן, ער הייבט דיר אויף און טוט פון דיר גאלד מאכן!"

אז מען לעבט מיט א צדיק וואס לערנט דיר אויס וויאזוי צו נוצן דיינע נאטורן ריכטיג, איז אלעס הערליך און שיין. אלעס ווערט א נקודה טובה.

נישטא שענערס ווי א שטארקע אידישע מאמע "אֵם חומה היא" די אידישע פרוי איז די מויער פון איר שטוב, און לאזט נישט בייזע ווינטן אריינדרינגען.

נישטא שענערס ווי א ווייכע אידישע מאמע, "כגמל עלי אמו" ווי א קינד וואס שפירט פארזיכערט און רואיג אין די געטרייע ווארימע האנט פון איר מאמע. אידישע מאמעס אין אלע דורות האבן מיט זייער ווארימקייט און רחמנות גע'פועל'ט שיינע זאכן.

אז מען איז זוכה צו לעבן מיט אן ערליכן איד, דאן לערנט זיך דער מענטש אויס צו נוצן ביידע מדות. סיי זיין שטארק דארט ווי מען דארף, און סיי זיין נאכגעביג דארט ווי דאס איז רצון ה'.

דאס קענסטו נאר באקומען פון ערליכע מקורות און ריינע וואסערן. אויב וויל מען אבער הערן שיטות און דעות וואס די גוי'שע וועלט האט צו זאגן גרייזט מען צו שטארק, צו ווייט. ביי אונז אידישע קינדער ווייסן מיר פונעם שביל הזהב - די גאלדענע מיטל וועג. יעדע מדה דארף ווערן אויסגענוצט לעשות נחת רוח להבורא יתברך שמו.

מיין חבר'טע דערציילט מיר אז ביי די חנוכה מסיבה האט זי זיך געשפירט זייער צוקלאפט. פארוואס? זי האט א שוועגערין וועלכע איז זייער געלונגען און יענע שוועגערין שטעלט יעדעס יאר חנוכה צו א קנאקענדיגע פראגראם פון וועלכע איר שוויגער האט אזוי הנאה.

און די צווייטע שוועגערין ברענגט עסן וואס אלע צוכאפן נאך איידער זי פאקט עס אויס. און די דריטע שוועגערין קומט אלעמאל מיט איר געזונדל אזוי אויסגעגלאנצט, ממש ארויס פון די שוי פענסטערס.

"און איך, די שלימזל שטיי אין די זייט און טראכט אז איך טויג צו גארנישט. מיין עסן איז אקעי... מיינע קינדער זענען זיס... ברוך השם אבער גארנישט ספעציעל. איך ווייס נישט, נאר איך ברענג נישט קיין הנאה פאר מיין שוויגער..."

זי האט נאך אפילו אריינגעלייגט איר צער אין רוחניות אז זי וויל דערפרייען איר שוויגער, אבער וואס איז זי שולדיג אז זי איז נישט אזוי געלונגען ווי אנדערע.

דאס האט מיר דערמאנט וואס מוהרא"ש זאגט אויפ'ן מאמר "קנאת סופרים תרבה חכמה" א מאמר וואס האט שוין באוויזן צו צוקלאפן פילע תלמידות מיט נישט גוט אפלערנען פשט.

די פשוט'ע וועג וויאזוי מען לערנט עס מיט תלמידים ותלמידות איז אז עס איז דא איין קנאה וואס איז א גוטע סארט קנאה. אז דו ווערסט מקנא זיין וויאזוי יענער לערנט און דאווענט, דאן ווערסטו אויך צוקומען צו שיינע זאכן.

אבער מוהרא"ש זי"ע פרעגט אז עס שטייט נישט "קנאת סופרים תרבה "סופרים" נאר תרבה "חכמה"? קנאת סופרים, קוק וויאזוי יענער נוצט "זיין" שטארקע זאך צום גוטן, און דורכדעם תרבה חכמה, קלוג זיך און זיך אויף וואס איז "מיין" שטארקע נקודה און באפלייס זיך דאס אויסצונוצן.

אפשר קענסטו טאקע נישט צושטעלן אזעלכע מייסטערהאפטיגע עסן פאר דיין שוויגער, און דו דארפסט נישט, אבער זיך אויף דיין נקודה טובה, אפשר קענסטו איר רופן איינמאל א וואך און איר דערפרייען?

אפשר קענסטו טאקע נישט מאכן און שיקן א נאכטמאל פאר א קימפעטארין, אבער אפשר קענסטו אריינגעמען א קינד אדער רופן און אויפלעבן איינעם אויפ'ן טעלעפאן? אפשר קענסטו מיטנעמען א צווייטן וואס זוכט אמאל א וועג אריין אין שטאט צו א שמחה. יעדער קען זוכן און טרעפן א נקודה טובה וואס ער קען יא טון.

דער ראש ישיבה זאגט אלעמאל אז ווערן צובראכן פון יענעם'ס רוחניות אדער סוקסעס איז פונקט אזא יצר הרע און קנאה. עס איז פשוט א ווייסע קנאה ווערימל וואס פארשלייערט זיך אין רוחניות. אבער וואס האסטו פון זיך קלאפן? נאר דאס אז היינט וועט זיין אין שטוב א פארזויערטע מאמע אדער ווייב.

יענער מאכט אזעלכע שיינע סיומים פאר איר מאן, און דו קענסט געבן אזעלכע שיינע ווערטער פאר דיין מאן. יענער מאכט יעדע ראש חודש פאר אירע קינדער א ספעציעלע אייז קרים לויט די חודש, און דו זיצסט ביים בעט פון דיין קינד און דערציילסט שיינע מעשיות פון צדיקים.

דאס לעבן איז נישט קיין אנאליז און נישט קיין פארמעסט. דאס קוקן כסדר ביי יענעם און פראבירן אנאליזירן אויב דו ביסט א דורכפאל אדער נישט קומט נישט פון צד הקדושה. ביים טיר פון יעדע אידישע הויז לאקערט דער ס"מ און וויל אריינברענגען עצבות און מרה שחורה.

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אונז אפט אז די ברכה פון שעשנו כרצונו איז די שענסטע ברכה. איך בין פונקט וויאזוי דער אייבערשטער וויל.

כאפט זיך צומאל אריין א ווארים אין מח, ווען איך וואלט ווען געווען אן אנדערע נאטור (מער שטארק, מער ווייער, מער שעפעריש (קריעטיוו) אדער קלוגער) וואלט מיין מאן און קינדער אזויפיל מער נהנה געווען..

ריכטיג אדער פאלש? פאלש !

ווייל אויב וואלט דיין מאן אדער קינד(ער) געדארפט א ווייב\מאמע מיט די נאטורן וואלט דיר דער אייבערשטער אזוי באשאפן.

צומאל הערט מען אדער מען ליינט פון אן אשה חשובה און מען קלערט "אוי, ווי איך וואלט געוואלט זיין ווי רביצין... אדער מרת..." דאס איז נישט ריכטיג, דיין מאן און קינדער דארפן נישט רעביצין... אדער מרת... זיי דארפן די בעסטע ווערסיע פון דיך."

אט דאס איז קנאת סופרים. זיי די בעסטע סארט דיך. שטארק דיך מיט דיינע מעלות וואס דער אייבערשטער האט דיר געגעבן ספעציעל פאר דיך און בוי דיין נעסטל דערמיט.

זיך דיינע אייגענע נקודה טובות און אזוי וועסטו קענען ארויסברענגען די שענסטע מעלות און כשרונות פון דיין אייגענע משפחה..

דו ביסט פערפעקט, פונקט גוט. א ראי' האב איך אז דער אייבערשטער האט דיר אזוי באשאפן און וואס דער אייבערשטער טוט איז "פונקט גוט!" ■



ג. פעקעטע

# איך בין צייער פארנומען!

געוועזן איז עס א פראסטיגע קאלטע נאכט אין חודש טבת, ווען משפחת ווייס האבן זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג אהיים נאך א שמחה אין אן אנדערן שטאט. די קינדער פון די משפחה זענען געוועזן גוט אויפגעלייגט נאך אזא שמחה, טאנצן, זינגען און פארברענגען מיט די משפחה. די שעה איז שוין געוועזן נאנט צו טאג, נאך א אויסגעצויגענע מצוה טאנץ. ביז עטליכע קורצע מינוטן האבן אלע קינדער איינגעדרימלט אויף זייערע פלעצער, מיט זיסע חלומות פון ווייסע בלומען און חתונה קליידער.

תפילת הדרך, א קורצה אידישע תפילה, א פרוטה אין פושקע פאר שמירה אנצוקומען אהיים בשלום גאראנטירט. מרת ווייס האט יא פרובירט צו האלטן אירע אויגן וַואך, העלפן איר מאן אין די לענגערע וועג אז די מידעקייט זאל אים חס ושלום נישט איינשלעפן ביים רעדל.

די ראודס זענען געוועזןליידיג, שטיל, און געבליטשקעט מיט די פריש געפאלענע שניי.

עס האט זיך אנגעהויבן מיט א לייכטע שאוער פון שניי ברעקלעך, אבער נאך א קורצע צייט איז עס געווארן אן ערנסטע שטארקע שניי שטורעם, וואס האט געווארפן די קאר אהין און צוריק אויף די ראודס.

די וועג איז געווארן שווערער, און די קאר האט געהאלטן אין איין גליטשן. עס איז אבער געווען שפעט, אדער לאמיר ענדערש זאגן, שוין זייער פרי פארטאגס, און משפחת ווייס האט זיך נאר געוואלט זען אינדערהיים, וַוארעם אין די אייגענע בעטן. אבער די שניי איז געפאלן שטארק און שנעל, און פארלענגערט די רייזע.

ערגעץ ביי א שארפע דריי האט פאסירט דאס אומגעווינטשענע, די קאר האט געכאפט א גליטש, און אנגעהויבן גליטשן טיף טיף אין א דיטש אריין, ביי די זייט פון די ראוד. ביים גליטש אראפ האט די קאר געמאכט אפאר טאמבל סאוסעס, ביז עס האט געלאנדעט מיטן קאפ אראפ טיף אריין אינעם דיטש.

מיט גרויס חסדים פונעם אייבערשטן איז יעדער אין די קאר געווען סיט בעלטעד, און דאס האט זיי געהאלטן סעיף אין פלאץ. נאך א קורצע צייט האט מען שוין געהערט ווי די ערשטע הילף אגענטורן מיט סיירינס קומען צו פליען, די פאראמעדיקס פרובירן ארויסצונעמען יעדן פון די פארשטויסענע איבערגעדרייטע קאר. פארשטייט זיך עס איז געווען דארטן כאאס, די הצלה מעמבערס האבן גענומען די גאנצע משפחה, יעדן איינעם אונטערגעזוכט, און געלויבט דער אייבערשטער אז יעדער איינער האט אויסגעקוקט גוט. אבער

מען האט זיי געוואלט אונטערזוכן און מאכן זיכער אז עס איז נישט געבליבן קיין שום וואונדן אדער טיפערע שאדן, האט מען אריינגעפירט די גאנצע משפחה אין שפיטאל, אין די דאזיגע ווייסע פראסטיגע פרימארגן.

אזוי ווי פריער דערמאנט, איז דער אייבערשטער'ס חסדים גאר גרויס, און די גאנצע משפחה, נאך א קורצע ווייל, האבן זיך געקענט ארויסלאזן אהיימצוגיין געזונט און פריש. אבער דער אייבערשטער האט זיי נאך צוגעשיקט א מתנה. אין די קאלטע ווייסע נאכט, וואס משפחת ווייס האט זוכה געווען צו די פיל ניסים, איז זיי געבוירן געווארן א נייע בעיבי.

בעיבי ווייס איז א פאסיגע נאמען, פארן קומען אויף די וועלט אין אזא ווייסע קאלטע נאכט. עס איז געווען א גרויסע שמחה, א דאפלטע נס, וואס די משפחה האט אויף דעם געדאנקט דעם אייבערשטן און געמאכט א גרויסע סעודת הודאה.

אבער... נאכנישט. מרת ווייס איז געבליבן אין שפיטאל פאר א לאנגע צייט, מיט די נייע זיסע לעכטיגע בעיבי ווייס, עס איז געווען א געזונט קינד, אבער ער האט געדארפט פארווײלן אין די ניקיו (NICU) פאר אפאר וואכן, זיך צו קענען פולקאם אנטוויקלען. ער האט געדארפט אסאך הילף מיט זיין אטעם, און מיט זיין עסן, אויך האט מען געדארפט נאכקוקן זיין הארץ, עס זאל חס וחלילה נישט אויפהערן צו קלאפן, פון סיי וועלכע קלייניגקייט וואס עס זאל נישט אונטערקומען.

מרת ווייס האט גענומען איר פּאסטן מיט א שטארקייט, זיך געזעצט היטן דאס בעטל פון איר קליין קינד און זיך נישט גערירט פון דארט. טעג און וואכן איז זי געזעצן און געוויגט איר קליין ניי געבוירן קינד, געשעפשעט תפילות פון הארצן און געזונגען קאפיטלעך תהילים אז דאס קינד זאל אויסוואקסן געזונט מיט אלע אברים שטארק, קענען אהיימקומען, און זיין א חלק פון די משפחה.

משפחה און פריינד האבן זיי ארויסגעהאלפן וויפיל ס'איז געווען שייך, מיט די ווירטשאפט אין שטוב, און מיטן בעטן דעם אייבערשטן אז די בעיבי זאל גרינג און שנעל קענען אהיימקומען פון שפיטאל. דער אייבערשטער הערט אויס תפילות, און נאך אפאר וואכן האט אויסגעקוקט אז בעיבי ווייס שפירט שוין אביסל שטערקער, און וועט אין א קורצע צייט קענען ווערן באפרייט פון שפיטאל.

מרת ווייס האט שוין קוים ארויסגעקוקט אויף יענע מינוט. אבער דערווייל איז זי געזעצן ביי איר בעיבי'ס בעט, מיט איין מחשבה, מיט איין ציל, צו העלפן איר קינד וואקסן געזונט, און ווי שנעלער אים קענען אהיימברענגען.

ווען מרת ווייס האט געוויילט אירע טעג און נעכט ביי די זייט פון איר פיצל קינד, איז איר נישט צופיל אנגעגאנגען וואס טוט זיך מיט אירע קרובים אדער שכנים, זי איז דאך געווען פול מיט זארג, פארנומען מיט גיסן תפילות, און האפענונג צום אייבערשטן אז איר טייער אומבאהאלפן קינד זאל גרינגערהייט זיך אנטוויקלען געזונט און שטארק, צו קענען אויסוואקסן אינגאנצן געזונט און פירן א געזונטע לעבן, ביי יעדע סטעידש זיך אנטוויקלען ווי די קינדער פון זיין יארגאנג.

מרת ווייס האט נישט געהאט קיין צייט צו רופן אירע שכנים און פרעגן וואס איז די לעצטע נייעס ביים שכנ'טעס טיר. זי האט אויך נישט געהאט צופיל צייט צו אויסהערן וואס טוט זיך מיט די מלחמות וואס רויש אין די וועלט, אדער וואס די לעצטע מאדעס זענען היינט צוטאגס.

ווען איר משפחה האבן איר פרובירט צו אנדרייען וועגן די נויטיגע נושא וואס מען מוז זיך שוין צאמנעמען ארויסצוהעלפן דעם קרוב וואס מען מוז דארט זיך אריינמישן צו ראטעווען די שטוב, האט זי ניטאמאל געגייגט אירע אויערן צו הערן די אלע זאפטיגע לשון הרע דעטאלן פון די פרשה, זי איז דאך פארנומען מיט איר אייגענע הצלת נפשת קאמפיין פון זיצן מיט איר פיצל קינד וואס דארף רחמי שמים אויסצוואוואקסן געזונט, זי האט דאך איר אייגן פרשה צו ספראווען מיט..

זי האט געהאט נאר די איין ציל: ווען וועט שוין מיין קינד אויפוואקסן געזונט? וואס נאך קען איך טון צו העלפן מיין קינד זיך כאפן דאס אטעם, און אנהייבן עסן פון זיך אליינס? וואס מען האט רעקאמאנדירט האט זי פרובירט צו טון.

ענדליך איז אריינגעקומען די פריילעכע בשורה! בעיבי ווייס איז גרייט אהיימצוגיין, און האבן זיין ברית מילה. די שמחה איז געווען גאר גרויס, מען האט אפגעראכטן א סעודת הודאה ביים ברית מילה, און מיט שבח והודאה איז משפחת ווייס ארויסגעגאנגען פון די סעודה, דאנקענדיג דעם אייבערשטן אויף די דאפלטע נס וואס זיי האבן זוכה געווען צו האבן.

* * *

ותחינה את הילדים. שפרה און פועה האבן זיך אפגעגעבן מיט די קליינע קינדער אין מצרים, זיי געבנדיג נאך אביסל ווארעמקייט, נאך אביסל ליבשאפט, פון א אידישע מאמע, אז זיי זאלן קענען אויפוואקסן געזונט. זיי האבן פרובירט וואס זיי קענען צו לייכטער מאכן און העלפן די קינדער וואקסן הייליג און געזונט אין די טמאה'נע מצרים.

לאמיר זיין ווי שפרה און פועה, ביי אונז אין שטוב אריינבלאזן א חיות אין אונזערע קינדער. מיר דארפן נישט זיצן אין די ניקיו (NICU) - שכח אייבערשטער - צו געדענקען אז אונזערע קינדער'ס לעבן איז אונזער ערשטע פריאריטעט. דער אייבערשטער איז אזוי גוט צו אונז, און לאזט אונז אלע זיצן ביי זיך אינדערהיים, בשעת'ן אויפציען די קינדער, און טון וואס נאר מיר קענען זיי ארויסצוהעלפן, זיי זאלן וואקסן געזונט, פיזיש און גייסטיש. לאמיר עס אננעמען אלס זכי' אז מיר זענען געווארן אויסדערוועלט צו אויפהאדעווען דעם אייבערשטנ'ס קינדער..

טאג און נאכט זאלן מיר שעפשען תפילות פאר אונזער דורות, בעטן ביים באשעפער מיט ווערטער פון הארצן "העלף מיר אייבערשטער אז מיין טייערע אומבאהאלפענע קינדער זאלן גרינגערהייט זיך אנטוויקלען געזונט און שטארק, ערליך און ריין, צו קענען אויסוואקסן געזונט און ערליך, און פירן א געזונטע לעבן, אן אמת'ע לעבן, ביי יעדע יארגאנג דערגרייכן די מיילסטאונס פון קומען נענטער און נענטער צו דיר, זיין דבוק און דיר און אין אמת'ע צדיקים".

אינדרויסן פון זיך זארגן פאר אונזער מאן און קינדער, צו מאכן עס זאל זיי באקוועם זיין, גרינגער זיין, שענער און בעסער זיין, דארפן מיר זיך נישט זארגן. ווייל דער אייבערשטער ווייסט דאך אויך דערוועגן.

# הער א מעשה

## ל. לב
ירושלים עיר הקודש

איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל געבוירן א געזונטע בעיבי.

שכח אייבערשטער נאך אסאך תפילות האט מען געזעהן דעם אייבערשטענ'ס האנט אין יעדע זאך. אלעס האט זיך ברוך השם זייער שיין אויסגעשטעלט, איך האב געהאט ברוך השם א געזונטע קינד.

שכח אייבערשטער!

## א. פוקס
קרית ברסלב

איך האב געוואוינט אין שטאט אומאן א שטיק צייט..

למעשה ווינטער תשפ"ב האט דער אייבערשטער געפירט אז איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן א גוטע פלאץ פאר מיר און מיינע קינדער. איך האב געבעטן יעדן טאג:

"באשעפער נעם אונז צו א גוטע פלאץ, א פלאץ וואס וועט זיין גוט פאר מיין מאן און קינדער.

און דאס וואונדערליכע איז געשען - אדר תשפ"ב האט די מלחמה פון רוסלאנד-אוקריינע אויסגעפלאצט און דער אייבערשטער האט אונז געפירט אין שטעטל - די בעסטע פלאץ פאר אונז אלע.

שכח אייבערשטער פאר די עצה פון תפילה..

## ד. ש. אפפעלדארפער
קרית ברסלב

שכח אייבערשטער אז איך גיי בר מצוה מאכן..

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן נייע קליידער פאר מיר און מיין מיידלעך, איך האב נישט געוואלט יעצט גיין שאפינג צו זוכן פאסיגע קליידער.

למעשה בין איך געגאנגען צום באזאר אין שטעטל, זען אויב איך וועל דארט טרעפן וואס איך זוך.

שכח אייבערשטער איך האב געטראפן הערליכע שיינע קליידער פאר מיך און פאר מיינע קינדער ביים באזאר אין שטעטל.

## פ. רוטה
קרית ברסלב

איך האב געהאט א וויכטיגע אפוינטעמענט ביים דענטיסט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן איינער זאל איבערנעמען מיין ארבעט אין סקול, למעשה האב איך נישט געטראפן. שפעטער האט מיר די דענטיסט גערופן אז זיי האבן געקענסעלט די אפוינטמענט. ס'האט מיר אביסל וויי געטון וואס דא האט פאסירט.

שפעטער האב איך געזען אז זיי האבן געלאזט א מעסעדזש אז איך קען קומען זונטאג.

שכח אייבערשטער איך האב נישט געדארפט פארפאסן סקול.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן בעביסיטערס בשעת איך דארף גיין, שכח אייבערשטער אז וואוילע משפחות אין שטעטל האבן ארויסגעהאלפן.

# פאר די ברסלב'ער שטוב

מ. פאפנהיים

## דער ראש ישיבה קלאפט
# ביים טיר

"יעצט וועלן מיר האבן די זכי' צו הערן א הערליכע מעשה פון הרב הצדיק ר' נתן שליט"א".

נתי'ס אויגעלעך שיינען, ער קוקט זיך ארום אויפן טיש און הייבט אן צו דערציילן:

"אמאל, אמאל איז געווען א ערליכער איד, ער האט געהייסן שבתי'לע בינדער... ער פלעגט איינבינדן ספרים..."

איך קוק זיך ארום אויפן טיש, די אנדערע קינדער פארשלינגען א שמייכל, און הערן זיך שיין צו...

א מחי' די ווינטערדיגע פרייטאג צונאכטס! אויפן פענסטער קלאפט א ברכה'דיגע רעגן וואס גייט אראפ נאר פרייטיג צונאכט'ס ווען יעדער איז אינדערהיים און עס שטערט קיינעם נישט ארויסצוגיין. און אין הויז איז ליכטיג אוןווארעם, די גאנצע משפחה זיצט און מען פארברענגט צוזאמען ביי די געשמאקע סעודה.

נתי דערציילט ווייטער: "ר' שבתי קומט אהיים פרייטיג צונאכטס נאכן דאווענען, און ער זעט א ליכטיגע שטוב, אנגעגרייט פיינע גוטע פיש, פלייש און געשמאקע חלות"... - זעט אויס אז איך האב פארפעלט א שטיקל - "און ער פרעגט פאר זיין ווייב, פארוואס



האסטו געבארגט פון שכנים?"

ווען ער ענדיגט דערציילן זאגט יוסי, איך קען א שיינע ניגון אויף די מעשה, און ער הייבט אן זינגען:

פארוואס האסטו געבארגט פון שכנים?

אה אה, איך האב נישט גענומען פון קיינעם,

די שטוב איך האב געמאכט א ריינעם,

און געטראפן א דיימאנט א שיינעם...

... יעצט פארשטיי איך פשט אינגאנצן,

אז ווען ר' שבתי האט געטאנצן,

האב איך געלאכט ווייל ס'האט געמאכט א טומל,

די מלאכים האבן מיט אים מיטגעטאנצן אויבן אין הימל...

שבתי'לע און דערפאר, האט מען באשלאסן דיר געבן שכר,

יעצט וואס דו בעטסט מבטיח איך בין דיר,

רבי, רבי צו ווייסטו דען נישט, ביי מיר איז ליידיג די הויז,

איך האב נאכנישט קיין קינדער...

זייער זייער שיין! נתי האט דערציילט אזוי שיין די מעשה... יוסי האט געזינגען אזוי שיין די הערליכע ניגון... יעצט וועט מאמי ארייגברענגען די זופ און נאכדעם וועט נחמן דערציילן א שיינע זאך פון די פרשה...

איך גיי אריין אין קאך סערווירן די הייסע יוך, און מיין פאנטאזיע צושפילט זיך, איך זע פאר מיינע אויגן א הערליכע באלעבאטישע הייזל, עס דערקענט זיך אז די אייגנטימער פארמאגן די מעגליכקייט עס צו האלטן גאנץ און שיין, און עס ווערט געפירט דורך א טויגליכע באלעבאסטע. אויף יעדן פענסטער ליגט שיינע געשטריקטע טישטוכלעך און אויף די פאליצעס איז שיין אויסגעשטעלט בלומען און קאטשקעלעך... עס איז נישטא ווער עס זאל איבערקערן, אויסגיסן, צוברעכן, און אויך ארייגברענגען א פרייד און ווארעמקייט אין הויז... א גאנצן טאג איז ליידיג און שטיל.

אט רוקט זיך אן שווערע צייטן, נישטא קיין ארבעט, נישטא קיין פרנסה, זיי האבן אבער ווערדפולע זאכן אין הויז, גאנץ, שיין, כמעט ניי. צוביסלעך ווערט עס אויספארקויפט, אבער דאס האט זיך אויך געענדיגט. עס מאכט זיך איין וואך וואס עס איז שוין גארנישט דא.

זיי שטייען אויף פרייטאג צופרי, זייער הויז זעט אויס נעבעכדיג און ליידיג, עס גייט זיין שבת און עס איז נישטא מיט וואס...

דער מאן איז מחליט פעסט, "איך גיי נישט נעמען פון קיינעם!" עס איז שוין אויך נישטא וואס צו פארקויפן, און עס איז נישטא קיין ארבעט, איז נישטא וואס צו טון, ער טוט זיך אן בגדי שבת און גייט זיצן אין שול און לערנען ביז...

איך גרייט אן די לאקשן און איך טראכט צו מיר אז ס'מוז זיין אז זיין ווייב איז געווען א אשה כשרה, מסתמא האט זי אים אלעמאל צוגעשטעלט וואס ער וויל, זי בלייבט אליין אין א ליידיגע טונקעלע הויז, זי איז געווען צוגעוואוינט צו צושטעלן א שבת פון שענסטן און בעסטן... און יעצט איז גארנישט דא... און זיי וואוינען נעבן וואוילע ערליכע שכנים, זי קען ארויסגיין און זאגן א האלבע ווארט פאר איר שכנ'טע, און יעדער וועט שוין זען אז זיי זאלן האבן פון אלעם גוטן, אבער זי טוט עס נישט... ווייל איר מאן וויל נישט...

נישט נאר דאס, נאר זי דרייט זיך ארום אין הויז און זי טראכט, איך קען נישט קאכן, איך האב נישט מיט וואס, אבער וואס קען איך יא טון לכבוד שבת? איך מיין אז איך אויף איר פלאץ וואלט געזעצן און געוויינט... אפשר איז זי אויך געווען צובראכן און געוויינט, אבער אויב יא, האט זי געוויינט נאר אביסל, ווייל זי האט זיך דאך גענומען רייניגן דאס הויז אז לפחות זאל זיין בליטשקעדיג ריין לכבוד שבת, און אזוי האט זי דאך געברענגט זייער ישועה...

איך שטעל זיך פאר ווי צובראכן ר' שבתי איז אהיימגעגאנגען נאכן דאווענען, ער איז דאך געווען זיכער אז עס ווארט אים א ליידיגע, שטילע, טונקעלע הויז, ביים עק גאס זעט ער שוין אז ביי אים אינדערהיים איז ליכטיג, און עס האט אים בכלל נישט פרייליך געמאכט, ווייל ער האט געטראכט אז עס מיינט צו זאגן אז זיין ווייב האט עס נישט געקענט אויסהאלטן, און זי האט געגאנגען בעטן נדבות פון די שכנים, נאר ווען זי האט אים דערציילט אז דער אייבערשטער אליין האט זיי געהאלפן און זי האט געטראפן א טייערע שטיין און מיט די געלט פון דעם שטיין האט זי צוגעשטעלט דעם שיינעם שבת, האט אים ארום גענומען אזא גרויסע שמחה אז ער האט געטאנצן און געטאנצן...

אבער וואס גייט זיין נאך שבת? מוצאי שבת זיי גייען ביידע צוריקגיין צו זייערע שוועריקייטן, זיי מיינען אז עס ווארט זיי ווידער אפ א שווערע וואך... און דא הערט זיך א קלאפ אין טיר... דער בעל שם טוב אליין שטייט דארט!

איך הייב אן ארייגטראגן די טעלער'ס הייסע זופ, און איך רוף זיך אן: "איך בין זיי ממש מקנא, פאר ר' שבתי און זיין ווייב, זיי זענען אריבער שווערע צייטן, און זיי האבן זיך געשטארקט און געווען פרייליך אפילו עס איז זיי געווען אזוי ביטער, עס ווערט מוצאי שבת און דער בעל שם טוב אליין קומט פערזענליך אראפ צו זיי אינדערהיים און זאגט זיי "איר זאלט וויסן אז אייער שמחה האט גערודערט די אויבערשטע הימלען, און אלע מלאכים האבן מיטגעטאנצן מיט אייך"!

איך וואלט אויך געוואלט אז נאך א שווערע מינוט זאל למשל דער ראש ישיבה שליט"א ארייגקלאפן דא אין טיר און זאגן "זאלסט וויסן אז דער אייבערשטער האט א מורא'דיגע נחת רוח פון דיר היינט!"

דער עולם ביים טיש צושמייכלט זיך, יא, יעדער מוטשעט זיך דא, אויף יעדן איינעם גייט איבער, אבער ווער זאגט אז איך האב עס נישט? קומט נאר עפענען קונטרס עצתו אמונה, דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט פערזענליך פאר מיר:

דאנק דעם אייבערשטן פאר די הערליכע משפחה וואס איר האט...

וואס ביסטו אזוי צובראכן? וואלסטו געוואוסט ווי מען באריימט זיך אין הימל מיט א מפיץ...

איר זאלט אלעס טון למען השלום, שלום איז קדושה, שלום איז אמת...

זאגט יעדן טאג אביסל תהילים...

אין זכות פון זיך אפשערן די האר, וועט דער אייבערשטער אייך בענטשן מיט אלע ברכות...

און אז איך וויל קען איך עפענען אן אשר בנחל, און זען ווי מוהרא"ש אליין שרייבט פערזענליך צו מיר: אז דו וועסט זיין פרייליך וועלן אלע פראבלעמען אוועקפליען...




# מוהרא"ש איז גערעכט געווען...



# יאַקאַב!

*אין קורצן פון פריער:* ***יעקב (יאקאב) איז אנטלאפן פון ליטא קיין רוסלאנד דורך וועלדער. ער איז אנגעקומען צו א פארווארפענע פארם אין אוזבעקיסטאן. דארט האט דער הויפט אפגעמאכט אז ער וויל אים נעמען פאר א חתן פאר זיין טאכטער. יאקאב איז אנטלאפן צו די וואלד ארום די קאלכאז.***

***פון דארט איז ער אנטלאפן מיט א העליקאפטער. אזוי האט ער געוואנדערט טעג און וואכן.***

***ביז ער האט דערזען באן שינעס.***

### און יעצט לייענט ווייטער!

יאקאב האט זיך געשטעלטווארטן אויף די באן. ער האט אבער נישט געהאט קיין דאלער אין טאש. וויאזוי וועט ער קענען ארויפגיין אויף די באן? די וועכטער זענען דאן געווען זייער שטרענג, ווייל עס איז געווען נאך די מלחמה און אסאך מענטשן האבן פרובירט זיך ארויפצוכאפן אויף די באנען אומזיסט, זוכענדיג א וועג אהיים.

יאקאב האט געוואוסט אז ער מוז זוכן אן אנדערע פלאן.

ווען דער באן איז ענדליך אנגעקומען האט יאקאב באמערקט א לאנגע שטריק הענגט ביים עק פון באן. יאקאב האט נישט געטראכט קיין סאך מיט א תפילה צום אייבערשטן האט ער זיך שנעל צוגעבינדן מיט'ן שטריק און זיך אנגעכאפט אויף די דרויסענדיגע טייל פון באן. ער האט פארמאכט די אויגן און... ער האט אנגעהויבן פליען...!

אויב טראכט איר אז דאס איז געווען א פיינע חול המועד רייד האט איר א גרויסע טעות! איבער צוויי גאנצע טעג איז יאקאב געווען צוגעבינדן צום באן, און איז געפלויגן. יאקאב האט נישט געגעסן און נישט געטרינקען און אוודאי נישט געשלאפן.

יאקאב האט שוין געפילט ווי אט אט און זיינע כוחות לאזן זיך אויס. ער האט שוין אנגעהויבן זאגן שמע ישראל און וידוי... און יענע מינוט האט זיך דער באן אפגעשטעלט אין א שטאט וואס האט געהייסן סאמארקאנד.

מיט די לעצטע כוחות האט זיך יאקאב אפגעבינדן פון באן און איז אנידערגעפאלן אויפ'ן פלאטפארמע (די סטאנציע). ער איז אריינגעפאלן אין א טיפע שלאף. יאקאב איז דאך געווען אזוי אפגעמוטשעט און זיין קערפער האט פארלאנגט שלאף.

ווען יאקאב האט זיך דערוועקט האט ער געשפירט א שרעקליכע הינגער. ער האט זיך ארומגעקוקט און געזען אז עס איז שוין טינקל און די סטאנציע איז כמעט ליידיג.

נעבן אים האט ער באמערקט א קויש מיט עפעלעך. עס האט אויסגעזען הפקר. ווייזט אויס איינער האט דאס בטעות איבערגעלאזט... דאס האט דער אייבערשטער פאר אים אנגעגרייט אין דעם שווערן מצב!

יאקאב האט געמאכט א ברכה און זיך מחי' געווען. אין יענע צייט, נאכ'ן קריג איז נעבער געווען נארמאל צו טרעפן היימלאזע אידן וואס האבן געוואנדערט פון שטאט צו שטאט זוכנדיג איבערלעבער,

ש. טראכטער

# 10

דעריבער האט זיין אינטערעסאנטע באנעמונג נישט געצויגן איבעריגע אינטערעס ביי די מענטשן ארום.

ווען ער איז געקומען צו די כוחות, האט ער זיך אויפגעשטעלט און זיך אנגעהויבן ארומקוקן ווי ער איז. צו זיין גרויס שמחה האט ער פלוצלינג דערזען אידן. ער האט זיך דארט נאכגעפרעגט די ערשטע זאך, "וואו איז דא א בית המדרש?"

שוין יארן וואס יאקאב האט נישט געזען קיין איד און נישט קיין שול, און אט ווען ער האט זיך אנגעטראפן האט זיך זיין הארץ אזוי צובענקט און ער איז גלייך געלאפן אין שול.

ווי נאר יאקאב איז אריינגעקומען אין שול איז ער צוגעלאפן צום ארון קודש און אויסגעפלאצט אין א געוויין. א געוויין פון בענקעניש וואס נאר א איד קען פארשטיין. א געוויין אויף די יארן וואס ער האט געגלוסט נאך א דאווענען מיט מנין, נאך א קדיש, נאך א ספר, נאך א ספר תורה.

אזוי איז יאקאב געשטאנען א לענגערע צייט און געוויינט ווי א קינד. די מענטשן ארום האבן זיך צוגעקוקט מיט וואונדער. עס איז

**יאקאב האט נישט געטראכט קיין סאך נאר ער האט זיך שנעל צוגעבינדן מיט'ן שטריק און זיך אנגעכאפט אויף די דרויסנדיגע טייל פון באן. ער האט פארמאכט די אויגן און... ער האט אנגעהויבן פליען...!**

נישט געווען אזא חידוש צו טרעפן א מענטש וויינען אין יענע תקופה פאר'ן ארון קודש אבער דער מענטש האט געצויגן זייער אינטערעס.

פארוואס?

יאקאב, וועלכע איז געווען אויף די וועגן אזויפיל יארן האט אויסגעזען זייער נישט צוזאמגענומען. זיינע האר און נעגל איז געווען באוואקסן. זיינע קליידער זענען געווען שמוציג שטויביג און צעריסן. זיין פנים איז געווען אפגעברענט און ער האט געגעבן דעם איינדרוק ווי א גוי'ש פויער.

די אידן פון בית המדרש האבן שטילערהייט געשמועסט צווישן זיך אז אפשר איז עס גאר א גוי וואס פלאנט אן אטאקע. ווער ווייסט?

א גרופע בחורים און אינגעלייט זענען צוגעגאנגען צו אים און אים געקלאפט אין פלייצע.

יאקאב האט זיך דערשראקן. ער האט זיך אויסגעדרייט און געקוקט צו זיי מיט שרעק.

איינער פון די אינגעלייט האבן אים געפרעגט, "וויאזוי הייסטו?"

האט יאקאב זיי געזאגט, "איך הייס יעקב פאטאש און איך קום פון ראדזאמין."

די מענטשן האבן אים אנגעקוקט מיט פארדאכט. זיי האבן אים נישט געגלייבט. איינער האט זיך אנגערופן, "דו ביסט נישט יעקב פאטאש. מיר געדענקן יעקב פאטאש פון ווילנא פון ר' אהרן'ס ישיבה. יעקב פאטאש איז געווען א בחור וואס האט געלערנט מיט אונז.'

יעקב'ס אויגן האבן זיך אנגעפולט מיט טרערן. ער האט זיך דערמאנט די לעכטיגע טעג אין ישיבה מיט ר' אהרן.

"און אויב איך וועל אייך איבערזאגן א שיעור פון ר' אהרן, דאן וועט איר מיר גלייבן?"

יאקאב האט זיך אויפגעשטעלט און אנגעהויבן נאכזאגן א לומד'ישע שיעור פון זייער גרויסן ראש ישיבה, מיט אזא קלארקייט וואס האט זיי אלע איבערראשט

"אוודאי, אוודאי..." האבן זיי אלע צוגעשטימט און זיי האבן אים זייער מקרב געווען.

דארט צווישן די בחורים און יונגעלייט איז געווען א יונגע בחור: "יו"ט עהרליך".

ווען יו"ט האט געזען יעקב פאטאש און געהערט פון אים זיין געשיכטע, האט ער אים געזאגט, "קום צו מיר אהיים, מיין מאמע וועט דיר געבן פרישע קליידער און דו וועסט זיך שערן און אפוואשן."

*פארזעצונג קומט אי"ה*

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט: ווען נישט דעם אינגערמאן (ר' נתן) וואלט נישט געבליבן פון מיר קיין שמות בלעטל!

## ברסלב'ע חידות

**מוהרא"ש זאגט: דער רמ"א האט זוכה געווען אז מיר אלע פסק'נען ווי דער רמ"א בזכות וואס ער האט זיין גאנץ לעבן עוסק געווען אין**

א. די מצוה פון צדקה
ב. מאכן השבת אבידה
ג. אנטראגן שידוכים
ד. קאנסטראקשן

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי זאגט: קיינער פארשטייט מיך נישט נאר ר' נתן, און ר' נפתלי אביסל.

## געב א שמייכל

**פארוואס גייען די מצילי אש אין מאנסי מיט הויזן טראגער וואס איז אויך א ריפלעקטער?**

אז זייער הויזן זאל נישט אראפפאלן...

געברענגט צו אייך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה - חלק ראשון**

**לה. עַל יְדֵי שְׁבוּעַת שֶׁקֶר, נוֹפֵל מֵאֱמוּנָה.**

דוּרְכ'ן שְׁווֶערְן פַאלְש, פַאלְט מֶען אַוֶועק פוּן אֱמוּנָה.



# שרייב טישל

## לאמיר זיך באקענען

**הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מען ליידיג)**, און שיק אריין צום בלעטל וועם דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו אריינשיקן א בילד פון דיר** (מאך זיכער ס'איז א קלארע בילד פון דיין פנים)**, און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!** (דעטאלן וואו צו שיקן דאס בילד קען מען זען אויף זייט 2)

בילד פון פארגאנגענע וואך: **אליעזר שלמה טייטלבוים נ"ו - קרית יואל**

# אכטונג בלעטל קינדער!

יעצט ווען מ'שטיימיר הארט נאך אזא סוקסעספולע חנוכה פארמעסט ווי אלע טייערע בלעטל קינדער, איינס ביי איינס, האבן אהערגעשטעלט אזעלכע אויגפארכאפנדע מייסטערווערק, גייען מיר גלייך ארייןשפרינגען אינעם נייעם בלעטל פארמעסט, לאמיר זען וואס דו קענסט אהערשטעלן פארן

# חמשה עשר בשבט פארמעסט!

שטעל אהער סיי וואס דו קענסט לכבוד חמשה עשר בשבט מיט סיי וועלכע מאטריאל, (אז דו האסט די מעגליכקייטן, שטעל אהער דיין קונצווערק געמאכט פון פרוכט... אדער א צווייטע עסנווארג, נאר נישט מאכן קיין עובר בל תשחית, פארשטייט זיך) און שיק אריין א בילד דערפון צו די בלעטל, און דיין בילד וועט מיטן אייבערשטנס הילף אריינגעשטעלט ווערן דא ביים בלעטל פארמעסט.



דערנאך וועלן אלע קינדער אויסוועלן וועלכע בילד עס געפעלט זיי דאס מערסטע, און די בילד וואס וועט האבן די מערסטע שטימען וועט זיין די געווינער פונעם פארמעסט!

די בילדער קען מען שיקן צו
845.379.1161 אדער צו
breslevofficeliberty@gmail.com

**מאך א תפלה ס'זאל געלונגען, און לאמיר זען וואס דו קענסט!**

שיקט אריין אייער מעשה
פון תפלה צו:
845.379.1161

# קינדער דערציילן

## מעשיות פון תפלה

מיין טאטע האט פרובירט צו עפענען א קייטל פיל מיט קניפן, אבער ס'איז נישט געגאנגען.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל עס קענען עפענען, שכח אייבערשטער ס'האט זיך געעפנט.

*שרה גיטל שניצלער, קרית ברסלב*

איך האב זייער לאנג געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן זייער א וויכטיגע זאך.

שכח אייבערשטער איך האב עס געטראפן.

*לאה אייזליס, וויליאמסבורג*

1. איין טאג בין איך געווען זייער הונגעריג.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען האבן א גוטע לאנטש, שכח אייבערשטער איך האב געהאט זייער א גוטע לאנטש.

2. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל זיין הויכע שניי.

שכח אייבערשטער ס'האט געשנייט הויכע שניי.

*יצחק מזרחי, קרית ברסלב*

אונזער טעלעפאן האט זיך נישט געטשארדש, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל זיך קענען טשארדשן.

שכח אייבערשטער ביים סוף האט זיך עס געקענט טשארדשן.

*רבקה וועבערמאן, קרית ברסלב*

מיין טאטע'ס אלטע קאר האט זיך צובראכן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל קענען קויפן א נייע קאר. ס'האט זיך געמאכט אסאך פראבלעמען, איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל קענען קויפן א קאר. שכח אייבערשטער צום סוף האט ער געקענט קויפן די קאר אויף זיין נאמען.

איך האב פארלוירן מיין פושקע, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן פאר איך גיי אין שול, שכח אייבערשטער איך האב עס געטראפן אין מיין טאטנ'ס קאר.

*אברהם יצחק פוקס, קרית ברסלב*

**שיקט אריין די ענטפערס פון די ברסלב'ע חידות, א שיחה אין א בילד, א מעשה פון תפילה, א מעשה פון תפילה געמאלן.**

**און גייט אריין נאכאמאל אינעם גורל פארן קומענדיגן חודש.**

**צו הערן די גורל פון פארגאנגענעם חודש**
**רופט קול ברסלב 212-444-9191 #5 #6**

# קליין און פיין



משפחת וועבערמאן



הערשי וועבערמאן



אשר וועבערמאן



הערשי וועבערמאן



משפחת בוים




חנוכה אין ברסלב קרית יואל חדר מאנטאג ויגש תשפ"ה

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM


מרדכי אינדיג


שלמה און חיים בוים


אברמי קרויס - דער קעניג פון מצרים


יוסי לונגער


אליעזר שלמה איינהארן



נחמן יואל, אסתר ריזל און אדל קרדוזו


יוטי לעווי


סימי און שימי בלעדי


משפחת שארף און איינהארן


שרה יאקאבאוויטש לאטקעס און דאונאטס


יוסי אינדיג

# משפחת גליק

## כאפט א בליק, ביי משפחת גליק.

פאַריגֶע מָאל הָאט מֶען פַּארְצֵיילְט פוּן אַ שְׁפִּיל מִיט מַיין קָאזִין שָׂרִי, וֶוען סֵיי אִיךְ און סֵיי שָׂרִי, אַרְבֶּעטְן בַּאגְלֵייט מִיט דִי גוּטֶע גֶעפִיל פוּן הֶעלְפְן און גֶעבְּן פַּאר אַ צְוֵייטְן..

יֶעצְט לֵיינְט וַוייטֶער: צִירִי פַּארְצֵיילְט: הַיינְט הָאבּ אִיךְ בַּאשְׁלָאסְן אַייךְ צוּ אִיבֶּערְרַאשְׁן!

הַיינְט וֶועט מַיין בְּרוּדֶער וֶועלְוֶועלֶע אִיבֶּערְנֶעמֶען מַיין פְּלַאץ. אִיךְ הָאבּ אַז עֶנְק וֶועלְן הַנָאָה הָאבְּן

וֶועלְוֶועלֶע פַּארְצֵיילְט: אַ גוּטְן, אִיךְ וִויל אַייךְ פַּארְצֵיילְן זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה, הֶערְטְס עֶנְק גוּט צוּ, אוֹי... עֶנְק הֶערְן נִישְׁט מַיין קוֹל, אִיז... קוּקְט גוּט אַרַיין אִין מַיינֶע וֶוערְטֶער.

קוֹדֶם וִויל אִיךְ עֶנְק פְּרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה: וָואס מֵיינְט אַ קְלוּג קִינְד? אִיךְ וֵייס אַז אַייךְ וֵייסְן דֶעם עֶנְטְפֶער נָאר אִיר קֶענְט מִיר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, וֶועל אִיךְ אַייךְ פַּארְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה און אַזוֹי וֶועט אִיר שׁוֹין זִיכֶער פַּארְשְׁטֵיין וָואס מֵיינְט קְלוּג.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אֵיין טָאג און גְרָאד גֶעהֶערְט גְרוֹיסֶע טְרָאפְּנ'ס רֶעגְן קְלַאפְּן אוֹיפְן פֶענְסְטֶער, דִי הִימְל אִיז גֶעוֶוען פַּארְוָואלְקְנְט, און דִי גַאנְצֶע גַאס אִיז גֶעוֶוען נַאס פוּן דִי שְׁטַארְקֶע רֶעגְן..

"אוֹי, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ אַז עֶס רֶעגְנְט!" - הָאבּ אִיךְ זִיךְ הוֹיךְ בַּאקְלָאגְט..

"פַּארְוָואס? עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק" - הָאט הֶענְדִי נִישְׁט פַּארְשְׁטַאנֶען מַיין אוּמֶעט - "מֶען טוּט זִיךְ אָן אַ מַאנְטְל, אַ שַׁאל, שְׁטִיוְול מִיט אַ שִׁירֶעם, מֶען שְׁפַּאצִירְט זִיךְ אִין גַאס און מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין אֵיין טְרָאפּ!"

דִי מַאמֶע הָאט אַלֶעמֶען גֶעגֶעבְּן דִי מַאנְטְלֶען, אָבֶער אִיךְ בִּין שְׁנֶעל גֶעגַאנְגֶען צוּם טִיר..

'עֶס אִיז נִישְׁט בַּאקְוֶועם צוּ גֵיין אַזוֹי אָנְגֶעפֶּעלְצְט, מֶען קֶען קוֹים זֶען וואוּ מֶען גֵייט' - הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט און גֶעהָאפְט אַז מַיין מַאמֶע בַּאמֶערְקְט נִישְׁט אַז אִיךְ גֵיי נִישְׁט קַיין מַאנְטְל.

"אַ גוּטְן טָאג קִינְדֶערְלֶעךְ, לוֹיפְטְ'ס וַוייל דִי בָּאס קוּמְט שׁוֹין!

לֶערְנְטְ'ס פְלַייסִיג און פִירְט זִיךְ אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג!"!

מַיין מַאמֶע הָאט גֶעפָּאכֶעט מִיטְן הַאנְט און מִיר הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ גֵיין.

"אוֹי, וֶועלְוֶועלֶע הָאסְט פַּארְגֶעסְן דַיין מַאנְטְל!" - הָאט דִי מַאמֶע פְּלוּצְלוּנְג בַּאמֶערְקְט און שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן לוֹיפְן עֶס בְּרֶענְגֶען.

"נֵיין, מַאמִי, אִיךְ דַארְף נִישְׁט, סְ'מִיר נִישְׁט קַאלְט!"

מַיין מַאמֶע הָאט אָבֶער נִישְׁט אַיינְגֶעשְׁטִימְט אַז אִיר צַדִיקְ'ל זָאל אַרוֹיסְגֵיין צוּ דִי פְרָאסְטִיגֶע גַאס אָן קַיין וַוארֶעמֶע קְלֵיידֶער "נֶעם כָאטְשׁ אַ סְוֶועטֶער" הָאט זִי גֶעבֶּעטְן.

אָן צוּפִיל חֵשֶׁק הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעטוּן דִי סְוֶועטֶער און אַרוֹיסְגֶעלָאפְן פוּן הוֹיז.

'דֶער בָּאס קוּמְט נִישְׁט אָן, וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט אִים? פַּארְוָואס אִיז עֶר נָאכְנִישְׁט דָא?

הִיבְּשׁ אַ לַאנְגֶע צַייט הָאבְּן מִיר גֶעוַוארְט אוֹיפְן בָּאס וָואס הָאט זִיךְ לִכְאוֹרָה אוֹיפְגֶעהַאלְטְן בַּיי אַ טְרֶעפִיק און אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן לַאנְגְוֵוייליג און... יָא אוֹיךְ קַאלְט.

עֶס הָאט מִיר נִישְׁט גֶעפַּאסְט אַרוֹיסְצוּאוַוייזְן אַז מַיין מַאמֶע אִיז גֶעוֶוען גֶערֶעכְט, הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען טַאנְצְן אִין דִי טַייכְלֶעךְ וַואסֶער, וַוייזְנְדִיג פַּאר יֶעדְן אַז "עֶס אִיז מִיר בִּכְלַל נִישְׁט קַאלְט" עֶנְדֶע אִיז דִי בָּאס אָנְגֶעקוּמֶען.

"גוּט מָארְגְן וֶועלְוֶועלֶע! - הָאט מִיר דֶער רֶבִּי בַּאגְרִיסְט - אוֹי, הָאסְט

**ל. סאקס**

פַארְגֶעסְן דַיין מַאנְטְל? ווִילְסְט אִיךְ זָאל אָנְצִינְדְן הֵייצוּנְג אִין בָּאס?"

"נֵיין, אִיךְ דַארְף נִישְׁט, ס'מִיר נִישְׁט קַאלְט!" הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט. פוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ שְׁטַארְק אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן נִישְׁט אַרוֹיסצוּאוַוייזְן אַז עֶס אִיז מִיר קַאלְט. מַיינֶע צֵיינֶער הָאבְּן גֶעקְלַאפְּט אֵיינְס אִין צְוֵוייטְן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זֵיי שְׁטַארְק אַיינְגֶעהַאלְטְן.

אִין הַארְצְן הָאבּ אִיךְ זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעפְרֵיידְט אַז אִיךְ הָאבּ כָאטְשׁ אַ סְוֶועטֶער.

אי"ה קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועל אִיךְ אַייךְ דֶערְצֵיילְן וָואס אִיז וַוייטֶער גֶעוֶוען.



# 28 דער אוצר אויפן באן

דאס לעבן און שאפן פון מוהרא"ש זי"ע



# געשענישן

אינעראהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





**די ארבעט אינעם מצה בעקעריי אין שטעטל גייט אן אין פולן שוואונג**






קרעדיט: שמעון פורטגאל, שמעון פיש, אייזיק ראטה, נפתלי זאבעל, אליעזר דויטש, יוסי פרערויא, מוטי ראזנפעלד, איציק מענדעלאוויטש, בנימין זאב זוסמאן, יעקב פיש



**האדמו"ר מקאסוב וויזניץ אויף א באזוך אין שטעטל**



**מען טובל'ט כלים אינעם נייע**
**כלים מקוה אין שטעטל**





**דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט די נייע כלים מקוה 'מקוה פרידריך' אין שטעטל**







**דער ראש ישיבה שליט"א שמועסט מיט די קינדער אין תלמוד תורה אין שטעטל**




ברית פון הילד שלמה גבריאל ני"ו בן מו"ה ישעי' איידליס הי"ו אין ישיבה




דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס מיט די בחורים אין ישיבה אין שטעטל



דער ראש ישיבה שליט"א טאנצט מיט די בחורים נאך מעריב אין ישיבה אין שטעטל - ג' ויחי תשפ"ה



**דער ראש ישיבה שליט"א ביים אויפטרעטן**



**מו"ה מענדל קאהן הי"ו ביים אויפטרעטן**



**העסקן מו"ה יונתן שווארץ הי"ו ביים אויפטרעטן**



**מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו ביים אויפטרעטן**



**יארצייט סעודה פון רבי נתן זצ"ל אינאיינעם מיטן מסיבה לטובת די מוסדות אין ארץ ישראל**



קביעת מזוזה ביי ביהמ״ד היכל הקודש אין לינדן



דער דיין שליט״א ביים ציון פונעם צדיק אין באפעלא





א שיינע מסיבה איז אפגעראכטן געווארן אין שטוב פון מו״ה אברהם דוד לאקס הי״ו פאר די וויכטיגע ארגאניזאציע 'חופה' וואס שטאפירט כלות מיט אלע געברויכן - ג' ויחי תשפ״ה



יארצייט סעודה פון רבי נתן זצ״ל אין היכל הקודש בני ברק

## אין לערן
### עצתו אמונה

**יעדן שבת קודש:** די הערליכע וועכנטליכע קונטרס "עצתו אמונה" ווערט דורכגעלערנט פון דעקל צו דעקל דורך טויזנטער אידישע קינדער איבער די גארער וועלט, ובפרט ביי אנשי שלומינו ווי אנשים נשים וטף ווילן לערנען יעדע וואך פון פריש וואס דער ראש ישיבה שרייבט פאר זיינע תלמידים.

## אין לעב
### עצתו אמונה

**יעדן טאג:** טויזנטער אידן זענען מעיד אויף זיך ווי "עצתו אמונה" האט ממש געטוישט זייער לעבן מקצה אל הקצה, פשוטו כמשמעו. זיי האבן אנגעהויבן לעבן מיטן אייבערשטן, לעבן דעם רבי'ן, לעבן עצתו אמונה.

## אין העלף
### עצתו אמונה

**אין די יעצטיגע טעג:** ווען מכון עצתו אמונה גרייט זיך איבערצודרוקן עצתו אמונה חלק א', קומען פולע אנשי שלמינו אנטקעגן די גבאים מיט זייער ברייטע שטיצע, און מיטן קויפן א זכות אינעם ספר זענען זיי זוכה צו אלע ישועות ורפואות וואס דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט פאר די וואס העלפן דרוקן די ספרים.

# קויפט א זכות היינט.
# געניסט פון די זכותים לנצח נצחים.

ר' שמואל אייכנשטיין 917.589.3382 • ר' ישעי' איידליס 347.831.1391

מכון עצתו אמונה
הוצאת ספרי רבינו זכותו יגן עלינו

dominogrp.com